## הרב יהושע שפעטמאן ז״ל

הרב יהושע שפעטמאן ז״ל איז נישט נאר געווען א מפורסם אין ווייטשעפעל, אין דער שכונה ווו ער האט געוווינט, ווו ער איז געווען א מעורב בין הבריות, ווו ר׳איז געווען קנאפע פיר צענדליק יאר דער רבי פון דער בערדיטשעווער שול, וואס איז דורך זיין מי און זיין פערזענלעכקייט געווען און געבליבן די אנגעזעענע שול אין ווייטשעפל, נאר ער איז אויך געווען דער אנגעזעענער רב פון „ועד־הרבנים״ ביי דער „פעדערעישן״. מיט זיין הדרת־פנים, מיט זיין יידישלעכן התלהבות געגעבן דער קהילה אנזען און כבוד.

הרב שפעטמאן איז געווען א פוילישער ייד מיט אלע כאראקטער שטריכן פון א פוילישן חסידישן ייד. דער פונק וועלכן ער האט מיטגעברענגט האט זיך געקענט צעפלאַקערן און אנצינדן אנדערע.

הרב יהושע שפעטמאן איז א יליד לובלין, וואס דאס אליין איז שוין צו עפעס מתחייב, דער חשובער נפטר האט געהאט אייגענע זכות אבות און איז געווען דער אידעם פון בארימטן פוילישן רב הרב נוח בראווער, מחבר פון די ספרים „פרי עץ הדר״ און „קדושת הר הבית״ וואס איז לסוף ימיו געווען רב אין אלט־ירושלים.

דער יינגער הרב שפעטמאן א למדן, א בעל הוראה, איז נאך אין אמאליקן ווארשע, דער ראש־ישיבה פון אסטראווצער רבי׳ס ישיבה, א בן־בית ביי פוילישע און ליטווישע גאונים, א יוצא ונכנס ביי קדוש הלל צייטלין און געבליבן זיין ידיד כל־ימיו; ער איז אויך געווען איינער פון די מנהיגים פון מזרחי אין פוילן.

הרב יהושע שפעטמאן ז״ל, דער תלמיד־חכם און קאמפלי צירטע פערזענלעכקייט, וואס האט געשריבן און געדרוקט זיינע מאמרים און דרשות אין יידיש — מחבר פון צוויי ספרים אין יידיש „חבלי הנשמה ומוסר היהדות״, „בגילופין״ און פון די „קונטריסים״! — האט נישט נאר ליב געהאט די עמך־שפראך יידיש נאר אויך ליב געהאט בלב ונפש דעם הארעפאשנעם ייד, און אליין געווען א סאציאלער מענטש מיט וויטגייענדיקע הומאנע מחשבות.

הרב שפעטמאן, הער רבי פון דער בערדיטשעווער שול, האט געפירט זיין עדה יידן אויף היימישן פאלקסטימלעכן שטייגער מיט עין יעקב בין מנחה־למעריב, מיט גמרא שעורים און דרשות יעדן שבת און מיט יידישע שרייבער און פריינט פון יידיש לשון געהאט סימוכת הפרשות און געפירט מיט זיי גרויס פריינטשאפט.

הרב יהושע שפעטמאן ע.ה. איז איינער פון די לעצטע אנגעזעענע רבנים, וואס האבן געשפילט א ראלע אין ישוב ווייטשעפל געלעבט אין כבוד און נפטר געווארן בשיבה טובה — חבל על דאבדין!

**ת.נ.צ.ב.ה.**

---

**לזכרון פון די העלדן פון ווארשעווער געטא - אויפשטאנד**

זונטיק, דעם 19׳טן אפריל 3 א זייגער אין אדלער האל, אדלער סטר. א.1.

איינגעאָרדנט פון „פריינט פון יידיש לשון״, „רידינג־רום״ און בונד

עס וועלן ריידן: **י. ביעטש, ריטשארדסון,** און **סעם לעף**

רעציטירן און זינגען קאצעט לידער **י. רובין און מאיר באגדאנסקי**

די הזכרה — **לעאן בלומענזאן**

---



# לשון און לעבן

**חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור**

נומער 5 (העפט 389) פינף און צוואנציקסטן יאָר מאַי 1964 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

בנשיקה, דעם בלינדן חזקאלס נייער אקדמות, א ריזעלע לכבוד שבועות,
א פרילינג־ליד ........ ** 1
עזרא הסופר אין שבועות־פאלקלאר (עסיי) ........ י. ריכטיגער 7
תפילין (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 9
דאס גומל־בענטשן (דערציילונג) ........ יהודה ביעטש 10
כרמל־ליד (פאעמא) ........ עלי זילבערג 13
מיין ישראל הערלעבעניש ........ יידל גאלדבערג 14
אנטאניוסעס רעדע ביי צעזארס קבר (פון „יוליוס צעזאר״) ........
וויליאם שעקספיר 18
א שיילאק־סערענאדע, צייט־לידער און סעזאן־סאטירעס, „פידזשן רעלי־
דזשן״ א.א., דאס מלחמה־יאר 1914 (לידער און פראזע־המשך) ........
א. נ. שטענצל 22
פאריזשער יידישע ביכער און שרייבער. ........ משה דאמב 49
לאנדאן קולטור ידיעות ........ 50
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג
רעדאקציע נאטיץ
400׳סטער געבוירן יאר פון וויליאם שעקספיר

### ראדאקציע - נאטיץ

די דערציילונג „יאסעלע״ פון משה בעקערמאן, די לידער פון י. בריקס, דער עסיי פון עלען ווינאגראד, דער ארטיקל איבער שלמה אויערבאך, אלץ אין קומענדיקן נומער. ס׳איז אריינגעקומען א טעות אין נעקראלאג איבער אונזער פארשטארבענעם מיטארבעטער מ. אלמאן ע.ה. ער האט נאכגעלאזט נאך זיך נישט צוויי טעכטער, נאר א זין מיט א טאכטער. מיר זאגן זיי און זיין ברודער נאכאמאל: זייט געטרייסט — ד.ר.

---

פרייז 2 שילינג

אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## 400'טער געבוירן־יאר פון וויליאם שעקספיר



דאס ענגלישע פאלק, די וועלט־ליטעראטור פייערט דאס 400'סטע געבוירן־יאר פון וויליאם שעקספיר, ווילט זיך מיטבאטייליקט זיין אין דעם גרויסן יום־טוב; אינם פאקל־צוג־ליכט, ווי יעסיקע איז די פאקל־טרעגערין, — צומאל אין אויפצינדער פון איר רויכיקן פלעמל! — זען דאס קלסתר־פנים פונם גאונישן קלאסיקער פון דער אייראפעאישע ליטעראטור; ווארים נישט נאר „קעניג ליר" און „האמלעט" באוועגן זיך מאגיש אין ליכט פון דער קולטור־געשיכטע — אויך דער ייד שיילאק!

און עס האנדלט זיך נישט אין דעם צו קענען באווייזן דעם געשיכטלעכן אמת, אז די פערזאן שיילאק איז אין דער ווירקלעכקייט אן איטאליענישער קריסט, און אז שעקספיר האט אים אונז אונטערגעווארפן א ממזר־בילבול... דאס צייטמעסיקע אונטערקוליסנדיקע!...
וואס איז דאס, ווען פאר די אויגן הייבט זיך אויף אזא גיגאנטישער קונסטלערישער אמת.

שעקספירס ייד, שיילאק, איז נישט קיין אונטערגעווארפן נופלע, קיין שיפע זיבעלע, עס איז דער ערשטער לעבעדיקער ייד אין דער אייראפעאישער ליטעראטור, וואס לאזט זיך נישט „שפייען אויף זיין יידישער קאפאטע".

וואס איז שוין דער „געשיכטלעכער" מענטש, און „אז ער וועט שוין אפילו לעבן טויזנט יאר"? שיילאק אין דער וועלט־ליטעראטור, איז א גראניט־געפארמטע גרויסע פיגור!

400 יאר צוריק, דאס מאנארכיש־פאטריצערשע, דאס קירכל־פיאדאלע — פון איין זייט צעשאקלט זיך דער ווייערוויך־קעסל אין פלאקערדיקן שייטערהויפן, פון דער צווייטער, טליעט אויף דאס אויפגעוואכטע אייראפעאישע בירגערטום אין ס'לוייכטן אויף די הומאניסטישע שטראלן —

אז וואס איז דען שעקספירס „סוחר פון ווענעדיק", אויב נישט די געניאלע סאטירע — די געמיטלעכע בירגערלעכקייט שוועבט איבערן זאץ וואס איז גאנץ באראק! — עס איז דאס געזונטע לאכן איבער די זינגנדיקע „מאנד און שטערנע" סוחרישע זינגלעך, וואס פארשווענדן זייער זינלאז לעבן אויף די פלייצעס פונם פראצענטניק, „ווי יעדער נאר קאן שפילן מיט ווערטער" — ער זעט שוין דאס פוילן פון דער פרישער פרוכט אין ווארעמען.

אין דעם „סוחר פון ווענדיק" ווערט געוויזן דאס פיליסטערישע בירגערטום אין זיין גאנצער לעכערלעכקייט: דאס זאטע בירגערטום ווערט צעפרעסן פון די גורלדיקע ווערעם.

נישט נאר די שארפזיניקע פארציא באשעפטיקט זיך מיטן חתנדיקן ראסן־פראבלעם און איז אים ווייבעריש גובר מיט כיטרעקייט, נאר אפילו שיילאקס נארישער דינער, לאנצעלאט, האט צו טון מיט א נעגערין און דיסקוטירט מיט דער יידישקע מכוח ריינע ראסן געזעצן.

נאר די מיטלמעסיקע קינצלעך בלייבן די פאאצן פון זייער צייט, זיינע שיך־פוצער — דער גאון דרייט זיך קונציק ארויס פון אונטער די פלינקסטע ריטער־שפארן.

דעמלט אין אויסגאנג פון פינסטערן מיטלאלטער, ווען די עפאכעס האבן זיך באגעגנטע אין זייער גאנצער גראניט־שווארצער מאסיווער שווערקייט — דעם שווערן באראק און דעם שפילנדיקן ראקאקא בײדע נוצן אים, דעם גאון, אויסצושפילן זיין אייגענעם נוסח.

דאס איז גרויסקייט פונם אמתן שאפער ער באשאפט, זיך זיין אייגענעם חתימה: נישט דאס צייטמעסיק־געשיכטלעכע — דער אייביקער אמת שרייט פון אים ארויס!

אין דעם געזעמל פון לייכטזיניקע לונאטיקער אריסטאקראטן א שיילאק־פיגור, אזא אויפטוט און לעבן גערעכטיקייט־מאנער — דעם רעאלטא־הונד פארוואנדלען אין א לייב.

יא די לייכטזיניקע יעסיקע, די ערשטע יידישע טאכטער אויף דער אייראפעאישע בינע, איז א צווילינגס שוועסטער פון דער ביבלישער דינה! עס וואלט אפשר פארבליבן א לייכטע קאמעדיע, ווען נישט שיילאקס טראגישער אויסגעשריי: „איך בין א ייד"!

מיט זיין בארימטן מאנאלאג: „האט דען נישט א ייד קיין הענט, קיין אברים, קיין חושים, קיין ליידנשאפטן"... ווערט שיילאק דער לייבלעכער ברידער פון שמעון־ולוי־נאיין־עצה, ווערט דער ייד א מיט באטייליקטער, אינם גוראנגל פון „זיין אדער נישט זיין" אויף דער אייראפעאישער ערד — אין דער אייראפעאישער ליטעראטור.

ש.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 389) | פינף און צוואנציקסטן יאר | מאי 1964 לאנדאן


## בנשיקה (טריפטיך)

„עבדי משה נאמן ביתי"

### א.

ווו האט משה אויסגעהאקט די לוחות,
ווי גאט אליין אייביק יעדעס געבאט?
פון זיין פעלזן־פעסטן הארצן ארויס,
מיט די צען פינגער — שארף־געשפיצטן דלאט.

טיף, ווי פון תהום, ווערטער געבראכן,
קאנטיק געשליפן געקריצט אות באות;
ווי גאט הימל און ערד, משה דעם מענטש,
געריסן אים פון פינסטערן כאאס.

### ב.

ער האט נישט געקענט אויפהייבן די הענט,
מיט די גראטשועס — דעם „לא־תרצח" געקריצט! —
טייטן, פארטיליקן עמלקן — — —
ווען נישט יהושוע זיי אונטערגעשטיצט.

דער נצח־גאנג, דערלאנגט צום סיני־שפיץ,
בצחונדיק נישט אריין אין כנען־לאנד;
אז ווי אזוי פארטיליקן פעלקער,
דעם „לא־תרצח" געשריבן ס'האט זיין האנט?

### ג.

מיט פארמאכטע אויגן אויפן בארג־נבו,
ביים ביישטידל — אויף דער שוועל פון דער ערד!
ליגט גאטס קנעכט: „אהבתי את אדוני!"
פון געשריי אויפגעציטערט גאטס שטול ווערט.

„נישט צעברעכן מער איך וועל די לוחות"!
קריצט ער שארף יעדעס ווארט מיט די ציין;
בייגט זיך גאט אראפ צו אים און קושט אים:
„אייביק שוין, משה, וועסט דו מיין קנעכט זיין.

„חזקאל, ווי דו האסט דיך דאס דערטאפט,
צום סאמע כסא־הכבוד,
נאר דער בלינדער ווינד אזוינס געקענט,
אויפן כנור, קעניג־דוד“ — — —

* * *

צו באשרייבן יענעם אקדמות,
ס׳איז נישט אין מענטשלעכן גדר ;
אן אדלער־פליגל פען מ׳מוז האבן,
גין־גאלדענע פאווע־פעדער.

## א „רייזעלע“ לכבוד שבועות (טריפטיך)

1

זיי שטייען נאך נאקעט דיביימער,
לענקענדיק די ארעמס — צווייגן צעשטרעקט ;
פון א לאנגען קאשמארנעם חלום,
האט די זון מיט א קוש זיי אויפגעוועקט.

זיי קוקן בלינצלענדיק, פארזמורעטע,
גאט אליין נייט זייערע בגדים איצט —
איבערן הימל, בלוי־צעוויקלטן,
בלאנקט זיין נאדל איבער זיידנס צעבליצט.

זע, ווי די שלענגלענדע קריכן פון דער ערד,
און זיי ריידן אנעט צו אלדעס־בייז !
וואלט איך נאך א ייִנגער אדם געווען,
געגעסן נאך מיין טעגלעך־ברויט מיט שווייס.

געהערט ס׳בת־קול אין לידיקן גארטן,
פון יעדן דערנדל גאט צו מיר רעדט,
און אז פון טויט אפילו, טא וואס איז —
ס׳גייט אויס פון בענקשאפט זינדיקער פאעט.

2

אז כ׳וועל נאך זען דעם קראקאס די ערד שפאלטן,
די צארטע בלעטלעך עפענען זיך אויף,
מיט הערצל פארבענקט צום הימל ארויף,
דעם קאלטן ווינטער אזוי אויסצוהאלטן.

ווי וואונדערלעך שנייגלעקלעך אויפצווויטן,
צײנדלעך פארביסן אין אייגענער ליפ ;
דער שטאך מיט א מעסער אין קראנקער ריפ !
ווערט נישט א תווה מיר אויסגעשניטן ?



זע, אויפןביימל אזוי פארלוירן,
געהויקערט, הארנדיק אויסגעדארט,
פון קעלט נאך פארשטארט מיט ווינט ווי געגארט,
א רויזעלע האט ווער אויסגעשווירן.

און שוין בליצט אויף דאס מאנדל צווייגעלע,
ווי פלינק עס האט עס אויסגעשניטן ווער !
און אויב נישט איך געזען בליצן די שער,
אבער אויף שפיץ־ביימל דארט — ס׳פייגעלע.

3

שטייט א גערטנער טאקע דא הויך אויף בוים,
באשניידט די ביימער מיט א גרויסער שער
אדער גאר פון מיין ליבע ליד העמלט,
פארבענקט זיך, איז ער געקומען אהער.

ווי בולט עס שטייט פאר מיינע אויגן
ווי טונקל מאנטנע, ווי גרוי־בלוי־פארבלענדט
א באלן זייד צעוויקלטער הימל
ס׳שניידט ווער צו — ווי ס׳בלאנקט שער אין זיינע הענט.

איבער דער בלומען־בייט די גערטנערין,
ווי אין תפילות פארטיפט הייליק זי קניט —
דער הימל און די ערד און איך און דו,
די צוועלף שורות העמלט פון מיין ליד — — —

דער ווייס־צעוויקלטער וואלקן אצינד —
זע, תכריכים שניידט די שער פון אים אויס
כ׳שטיי פארן טויער פון בלומען גארטן,
א פאריאגטער פון גן־עדן ארויס.

## א פרילינג - ליד

וואונדערלעך אויפגעקנאספעטע בלומען־קווייטן,
מיט כל־ערליי צוויט באשאטן די בוימער —
גאטס קרענץ אויף די קברים אנידערצולייגן,
19׳טן אפריל, למד־גימל בעומר.

און ביי יעדן טייך, א טונקל־איינגעהילטע,
בלייבט די שכינה שטיין — א ווערבע איינגעבויגן ;
קוים שעפטשען די ליפן, קיינער זאל נישט הערן,
און שטילע טרערן טריפן איר פון די אויגן.

א, זי וואלט אויסגעגאסן אזוי פון טרויער,
ווען ס׳קומט נישט דער יום־העצמאות דאצווישן ;

שבועות, נאך חצות, ווען ס׳עפנט זיך דער הימל,
מינדסטביימל רוישט אויף — א „תיקונדל״ ס׳וואלט מישן.

זע די שטערן זיינען די נקודות, דער טראָפּ,
פון אקדמות־ניגון — זינגנדיקע נאטן;
מיט זון־אויפגאנג שכינה, אין ליכטיקן טלית,
א צעשאקלטע אונטער יעדן בוים־שאטן.

* * *

איז דאס מעגלעך, איצט ווידער, אלץ זעלבע התגלות?
באשערטע בשעת זיי הערהערן דעם „הרי את״ —
די ביימער אין טול־שליירס אויסגעצירטע כלות?
דער אויסגעשפרייטער הימל — דער „עם כל הנערים״־טלית?
און אלטע באבע האצקעט נאך אלץ טויט־מיד און מאט
מיט דער זון — גאלד־אויסגעבוירנטע פון אלע חלות?

אז אלץ גאז, גסיסה־שוים, אש און זייף־בלאזן כוואלעס.

...ווי פאר א שטורעם, און אלצדינג מיט מיר פארשוויגן,
שא, אויף שפיץ־בוים, אויף איין פיסל שוועלבל שטיל בלייבט שטיין,
עפעס געפרעגט ס׳האט מיך, און א תשובה ס׳וויל קריגן,
כ׳הער א בת־קול פון אויבן? עכא׳ט א מהומה?
אינטערוויו איך וועם? כ׳רעד מבושימדיק צו זיך אליין:
וואס איז דערמער מיט אונז, מיט דער יידישער אומה?

עטיק? עסטעטיק? קאסמעטיק? אין גרויס גרימירן:
איינגעבילדעט בתורל רעדט זיך איין: גאט אליין, משיח...
אן אויסוואורף, א ווייבערניק די וועלט וויל רעגירן...
א נערוון־נירוואנא וויל מער נישט עקסיסטירן...
און דער סך־הכל איז, איינמאל איינס — איינס: איך־דיך־זיך,
מיט אלע פאנטאזיעס נישט אויסצופאנטאזירן,

מחשבות, חשבונות נישט אויסצושפעקולירן —

זע, הימל אין מיר, אין דיר, אין אים, אין מינדסט שטויבל,
און אזוי אייביק און אנאויפהער און אומעטום;
הער, גאט מורמלט אין שטילסטן ברום פון קליינסטן טויבל —
טויזנט מלאכי־השלום הייליק צעפליגלט,
מיט היילונג, מיט האניק איבער בלוט צעבלוטיקטער בלום,
און אין זידיקסטער טרער — א ים רחמים צעשפיגלט.

ס׳זינגט אזוי טיף אין הימל צעבלויטן און קלארן!
איז עס א שוועלבל? אין הארץ דער זיפץ טליענדיק שטיל,



אויפגעלויכטן פון די אש־פארשאטנטע יארן?
— — — — — — — — — — — — — — — —
שוין נאכן שטורעם, ס׳איז אלץ פארענטפערט געווארן:
ייד זיין הייסט, צי מען ווייסט, צי מען מיינט, צי מען וויל:
עס ברענט און ברענט דער אייביק ברענענדיקער דארן —

פונק אין הארץ, צי גאר גרויס — גאטס גליאיקסטער גרים־צארן.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### עזרא הסופר אין שבועותדיקן פאלקלאר

אז אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש האבן די יידן פון מלכות יהודה גערעדט העברעיש און ניט פארשטאנען אראמיש, ווייזט זיך קלאר ארויס פון א וויכוח פארצייכנט אין נביאים. ווען די ארמיי פון סנחרב מלך אשור האט באלעגערט ירושלים האבן די דעלעגאטן, וואס חזקיהו מלך יהודה האט ארויסגעשיקט צו אונטערהאנדלען מיט די באלעגערער, געזאגט צו רבשקה, דעם גענעראל פון אשור — מיר בעטן דיך, רייד מיט אונז אראמיש, מיר קאנען דעם לשון, און רייד ניט מיט אונז יהודית די פארטיידיקער פון דער פעסטונג זאלן פארשטיין וואס מיר ריידן... (מלכים־ב. י״ח, ישעיה ל״ו)

אחוץ דעם איז אויך ארויס צו דרינגען דערפון, וואס די דעלעגאטן האבן אנגערופן זייער לשון יהודית, ניט עברית, אז דער לשון פון מלכות יהודה האט שוין דעמאלט געהאט אן אנדערן דיאלעקט און אנדערע אויסדריקן ווי די עברישע שפראך, וואס עמון, מואב און אדום — די אנדערע העברעישע פעלקער אין כנען — האבן גערעדט. מיט דעם נאמען יהודית איז דער לשון פון די יידן אויך אנגערופן געווארן נאכן גלות בבל: נחמיה האט פארגעווארפן די יידן פון ארץ ישראל, וואס האבן חתונה געהאט מיט די טעכטער פון קאלאניסטן, אז זייערע קינדער ריידן ניט יהודית דעם לשון פון יידישן פאלק. (נחמיה י״ג)

געשריבן דעם יהודישן לשון האבן די יידן פון מלכות יהודה מיט עברישע אותיות, אזוי ווי די אנדערע העברעישע פעלקער אין כנען, די שריפט אויף דער אנטדעקטער אנדענקונגס־טאוועל פון חזקיהו מלך יהודהס שילוח קאנאליזאציע, איז גלייך, צו דער שריפט אויפן אנטדעקטן נצחון מאנומענט פון מישע מלך מואב. (ענציקלאפעדיע און ישעיה כ׳) דער יהודישער לשון האט הערייבער ניט געהאט קיין אייגענעם כתב, וואס ווערט אויך אנגעוויזן אין תלמוד, — „אשורי יש לו כתב ואין לו לשון, עברי יש לו לשון ואין לו כתב״: אשורישע שריפט: דער איצטיקער העברעישער אלף בית האט ניט געהאט קיין אייגענע שפראך און דער איצטיקער העברעישער לשון־יהודית־האט ניט געהאט קיין אייגענע שריפט. (ירושלמי מגילה פ״א ה״א)

אלע פעלקער פון דער אשורישער אימפעריע האבן גערעדט דעם אראמישן לשון, אבער ניט אומעטום איז באניצט געווארן די זעלבע שריפט, אין איין לאנד האט מען געשריבן אראמיש מיט דער פלעקלשריפט, אין איין לאנד —

מיט דער עברישער שריפט און אין איין לאנד — מיט דער אשורישער שריפט, אזוי האט דער אשורישער כתב ניט געהאט אן אייגענעם לשון, נאר א בשותפות־דיקן. די פארטריבענע פון מלכות ישראל, לערך הונדערט און אכציק יאר פארן גלות בבל, (מלכים־ב. י״ז) וואס האבן חתונה געהאט מיט פרויען פון די לענדער וו מען האט געשריבן דעם אראמישן לשון מיטן אשורישן כתב, אזוי ווי א העלפט פון דניאל איז פארפאסט געווארן, האבן דעם לשון און כתב שפעטער איבערגעגעבן צו די פארטריבענע קיין בבל און אזויארום איז עס געווארן דער לשון און כתב פון גאנצן גלות יידנטום. (נדה ג״ו, רש״י)

דאס איז די מיינונג פון רבי יוסי, ער זאגט — „עזרא הסופר איז ראוי גע־ווען אז די תורה זאל געגעבן ווערן דורך אים, אבער דער דור פון משה האט זיך געפעדערט און איר מקבל געווען, דאך האט עזרא איבערזעצט די תורה אין אן אנדערן לשון און כתב“. דערויף באהויפטעט רבי נתן, אז אויפן בארג סיני איז די תורה געגעבן געווארן אין די „רעץ־שריפט“, און מר זוטרא דערקלערט — דאס פאלק ישראל האט מקבל געווען די תורה אויפן בארג סיני אין עברישן כתב אין עברישן לשון, איז עזרא הסופר געקומען און האט איבערגעשריבן די תורה אין אשורישן כתב און אין אראמישן לשון, האט מען אין ארץ ישראל ניט געוואלט אננעמען עזראס תורה, די יידן האבן געשריבן זייער תורה אין אשורישן כתב און אין יהודישן לשון. און די כותים אדער שומרונים האבן געשריבן זייער תורה אין עברישן כתב און אין אראמיש לשון.

אבער רבי איז ניט איינשטימיק מיט רבי יוסי און רבי נתן, ער זאגט — די תורה איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני אין אשורישן כתב, און דער כתב ווערט אנגערופן אשורי, ניט ווייל די יידן האבן אים מיטגעבראכט פון גלות אשור, נאר מחמת די אותיות זענען פון אלע זייטן גלייך: פירקאנטיק, ניט רונדיק אדער שפיציק. ווען די יידן האבן געזינדיקט און זענען פארטריבן געווארן קיין בבל, האבן זיי זיך אסימילירט מיט די איינגעבוירענע פעלקער, פארגעסן די אשורישע גלייכע אותיות און געשריבן די תורה מיט די „רעץ־שריפט“: די פלעקלשריפט און אין אראמישן לשון. אבער ווען זיי זענען צוריק געקומען קיין ארץ ישראל און האבן תשובה געטון, אין דער צייט פון עזרא הסופר, האט ער זיי ווידער אויסגעלערנט שרייבן די תורה מיטן אשורישן כתב. אזוי איז אויך די מיינונג פון רבי אלעזר המודעי, ער זאגט — אזוי ווי דער לשון פון תורת משה איז ניט פארענדערט געווארן נאכן צוריק קומען פון גלות בבל, אזוי איז אויך דער כתב ניט פארענדערט געווארן. (בבלי סנהדרין כ״ב)

און פילון היהודי באהויפטעט, אז די תורה איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני אין אראמישן לשון, און פון אראמישן לשון האבן די זקנים איבער־זעצט די תורה אין גריכיש אויפן פארלאנג פון תלמי מלך מצרים. (חיי משה ח״ב) אבער די מיינונג פון פילון היהודי איז שווער אנצונעמען, ווייל פון דעם אין אנפאנג ציטירטן וויכוח צווישן די דעלעגאטן פון חזקיהו מלך יהודה און דעם אסירישן גענעראל רבשקה־זעט מען־אז אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש האבן די יידן ניט פארשטאנען די אראמישע שפראך. אויסער דעם געפינט מען אין תורת משה, אז לבן הארמי האט אנגערופן דעם הויפן שטיינער, וואס ער



און יעקב האבן אויפגעשטעלט אלץ אן עדות, אין אראמיש „יגר שהדותא“ און יעקב האט איבערזעצט דעם נאמען אין עברית — „גלעד“, וואס איז א באווייז אז דער לשון פון תורת משה איז געווען דער עברישער.

דעריבער איז מער סברא אנצונעמען די מיינונגען פון די חכמי התלמוד, און אזוי ווי רב לוי פירט אויס, אז לויט די חכמים וואס זאגן — דער כתב פון דער תורה איז געווען עברית, האט דער צענטער פון די „עין“ זיך געהאלטן אויף א נס, ווייל די עין אין עברישן כתב איז א דרייעק, און לויט די חכמים וואס זאגן אז דער כתב פון דער תורה איז געווען אשוריש, האט דער צענטער פון די „סמך“ זיך געהאלטן אויף א נס. (ירושלמי מגילה פ״א הי״א) יעדנפאלס אבער, צי עזרא הסופר איז געווען דער געבער פון א פארענדערטע תורה, אדער דער ווידערגעבער פון דער אלטער תורה, האט מען אים דערמיט ארייגענומען אין פאלקלאר פון קבלת התורה: אין שבועותדיקן פאלקלאר.

## יוסף לעפטוויטש

## תפילין

ווען איך האב אנגעטון היינט די תפילין —
שמע ישראל!
איז גאט׳ס נאמען געווען ביי מיר אויפן קאפ,
און אויפן הארץ. אמאל.

האט גאט ביים בארג סיני געזאגט,
די ווערטער וואס איך זאג נאך היינט.
די ווערטער זענען ביי מיר אויף די ליפן,
זיי האבן פאר מיינע אויגן געשיינט.

איך טראכט פונם ווילנער גאון,
וואס האט תפילין געטראגן דעם גאנצן טאג,
בעת ער איז געזעסן בוים לערנען,
ווי איך איצט תפילין ביים דאווגען טראג.

איך טראכט ווענן הלל צייטלין,
ווי ער נעמט זיך מיט טלית און תפילין גיין,
מיט גאט׳ס נאמען אויף זיינע ליפן,
גייט ער אין גאז־קאמער אריין.

איך בין מיט זיי געבונדן,
אין מיט מיין טאטן, וואס ער האט,
געטראגן די זעלבע תפילין,
וואס איך טראג איצט ביים דאוונען צו גאט.

קשר תפילין — גאט טראגט אויך תפילין,
אזוי האט אים משה דערזען,

ווען ס'איז דער גרויסער נס,
ביים בארג סיני געשען.

די תפילין אויף מיין ארים,
די תפילין אויף מיין שטערן,
בינדן מיך מיט דער אייביקייט,
ווהין איך וועל באלד זיך קערן.

## יהודה ביעטש

## דאס גומל - בענטשן

אמאל אין זומער, א שבת נאכן שלאף, מאכט ר' חיים חנא הער מילך־ייד פונם דארף דאמבראווקע צום מלמד, וועלכן ער האלט צו די קינדער, צוויי מיידלעך און איין יינגל פון א יאר זיבן:

— איר הערט, ר' בעריש, אז ס'איז נישטא קיין מזל, איז כאטש נעם און צערייס דיך! ווי איר זעט, כ'זאל נישט זינדיקן מיט די רייד, באשטייט מיין פרנסה רק פון מילכיקס, פון פוטער און קעז, סמעטענע און פרישע מילך, וואס מיטן שפראץ פון פרימארגן כ'פיר יעדן טאג קיין זלידנעווקע צו פארקויפן, אן ערך זיבן וויארסט פון דעם דארף.

דער פרומער עולם רופט מיך ר'חיים דאמבראווקער, אבער די דינסט־מיידלעך און פראסטע יידן, איבערהויפט די נשים, רופן מיך „דער בייזער מילך־ייד מיטן קעז־פנים" מחמת צוויי טעמים: ראשית, ווייל כ'דערלאז נישט, אז מען זאל מיר קריכן מיט די זלידנע הענט אין טאפ פוטער אריין אדער אפברעכן א שפיץ פון א קעז. נאטירלעך, פארזיכער איך זיי, אז מיין סחורה איז פריש, ריין און ציכטיק, נאר זיי קענען זיך בשום אופן נישט אפהאלטן פון דער מיאוסער געוואוינהייט און קריכן מיר דווקא מיט די הענט גלייך צו דער פוטער און דעם קעז. דאס רעגט מיך אויף און איך ווער שנעל אין כעס; אזא שוואכקייט שוין ביי מיר. שנית, ווייל מיין שטערן איז געקארבט און דאס פנים האט די קאליר פון פארמעט, הייבט זיך אן ברייט און ווערט אלץ שפיציקער וואס ווייטער אראפ צו דער גאמבע. ווען נישט די פון ווינט צעפלאשעטע בארד מיינע, זאגן זיי, וואלט איך באמת אויסגעזעען ווי אן אויסגעטרוקנטער קעז.

מכמה יארן זענען מיר געווען די איינציקע יידישע פאמיליע דא אין דעם דאזיקן דארף. מיין פאטער, ע"ה, איז געווען א פרומער ייד, וואס דריי מאל אין יאר פלעגט ער פארן אויף יום־טוב אין שטאט אריין און מיר אנזאגן, אז א ייד טאר קיינמאל נישט פארגעסן וואס ער איז. אבער איינמאל, גאר אומגעריכט, א פאר טעג פאר זיין טויט, האט ער מיך צוגערופן צו זיך און געזאגט.

„הער אויס, מיין זון, עס שטייט געשריבן שלש פעמים בשנה, דאס הייסט, אז דריי מאל אין יאר זאל א דארפס־ייד פארן אין שטאט אריין אויף יום־טוב: פסח, שבועות און אויף די ימים־נוראים".

געמיינט, נאטירלעך, האט ער, אז כ'זאל זיין מיט יידן, דאוונען בציבור,



מיין הויזגעזינט זאל הערן די שיינע נגונים פונם חזן, טועם זיין יום־טובדיקע מאכלים, כדי צו פילן און זען וואס יידישקייט איז.

יא, אקעגן וואס דערצייל איך אייך דאס אלץ? אקעגן דעם וואס כ'זאג אז אויב ס'איז נישטא קיין מזל, איז כאטש נעם און צערייס דיך. הערט זשע, ר'בעריש, א מעשה. דאס איז געווען אין ווינטער, מיט א צוויי יאר צוריק, ווען די קעלטן זענען געווען אזוי שווער. שארפע פרעסט, מיט זאווערוכעס, האבן געבושעוועט; א ווילדער ווינט האט געריסן די לאדן פון די פענסטער און מיט מאדנעם געהייל געפייפט ארום דעם קוימען דורך די לאנגע נעכט. טיפע שנייען האבן פארדעקט די בלאטיקע גריבער, אויסגעגלייכט דעם שליאך, אזוי, אז מען האט גארנישט געוואוסט וואו ס'איז א וועג און וואו ס'איז א פעלד.

פון די דאזיקע שווערע קעלטן האט מיין ווייב, שרה יענטע, געקריגן געשוואלענע פיס. גאנצע טעג פלעגט זי זיך זיצן און קוקן אין פענסטער אריין אויף די משונה מאדנע בלומען און קווייטן, וואס די קאלטע האנט פון ווינטער האט אויסגעמאלן אויף די שויבן, וויינענדיק בשעת מעשה און דערמאנענדיק ווי אמאל אמאל האט זי געבליט און נישט געפילט די קעלט. האט געמורמלט צו זיך בעת די טרערן זענען איר געשטאנען אין די אויגן: „כ'בין מיד און צעבראכן, און די פיס זענען מיר אנגעשוואלן. אוי, טאטעניו, די פרעסט, די פרעסט, ס'איז ממש נישט אויסצוהאלטן!" און וואס מער זי האט געקוקט אויפן פענסטער, אלץ מער האט זי געוויינט. —

ר'חיים האט אפגעזיפצט, זיך צורעכט געמאכט דאס קאפל, וואס האט זיך אים אראפגערוקט איבערן ברייט־געקארבטן שטערן.

— נו, דאנקען השם יתברך, האבן מיר שוין געפטרט דעם שווערן ווינטער, אויך פורים איז זיך אוועק געזונטערהייט און מען קען שוין אנהייבן זינגען האבן איינצושטעלן דעם ליבן יום־טוב פסח אין א מזלדיקער שעה. מיר האבן זיך גענומען גרייטן צו פארן צו מיין ברודער אין שטאט אריין אויף די סדרים. הגם די טעג זענען שוין געווען ווארימער, זענען אבער די נעכט נאך אלץ געווען באשנייטע און נאסע, און א טאג פאר ערב־פסח האט גענומען גיין א דיקער, נאסער שניי באלד פון תחילת הלילה. קאלט איז נישט געווען אזוי שטארק, נאר מחמת דעם נאסן וועטער פון נאך פורים איז דער וועג געווארן בלאטיק, מיט אומגעריכטע ליימיקע גריבער.

ארויסגעפארן פון דארף בין איך מיט מיין הויזגעזינט כעלות־השחר, רעכענדיק צו זיין אין שטאט פארמיטאג. אבער ווי ס'זעט אויס איז קיין שום זאך נישט אינגאנצן לרצון פונם מענטש. הקיצור־הדבר, אזוי ווי דער וועג איז געווען א שווערער, האבן די רעדער פונם וואגן זיך טיף איינגעשניטן אין דער בלאטע. א שארף, דראבנע רעגנדל האט געשפריצט און נאך שווערער געמאכט דאס אזוי אויך שוין אנגעשטרענגטע געמיט. הגם דאס פערד איז געווען אויסגערוט, האט עס אבער גענומען שווער אטעמען פון דעם נישט גלייכן וועג. סאפענדיק שטארק מיט די נאזלעכער, און זיך כסדר אפגעשטעלט. נאס פון שוויס און רעגן, אויסדרייענדיק דעם אראפגעלאזטן פערדישן קאפ צום וואגן, האט עס געמאכט דעם איינדרוק ווי בלעמס אייזל, וואס האט פלוצים אנגעהויבן

רעדן, ווי איינער זאגט: „ס׳איז נישט מיין שולד, בעל־הבית, צו טיף זינקען די רעדער אין די ליימיקע גריבער״.

לכתחילה האב איך מיר געטראכט, אז ווען ס׳פערד וועט אפכאפן דעם אטעם, וועט עס זיך שוין אליין אן עצה געבן. ווי געווינטלעך, האב איך אביסל אונטערגעשטופט דעם וואגן, אבער אן דערפאלג. ס׳האט אויך נישט געהאלפן קיין שרייען, שעלטן, שמייסן אדער פאכען מיט דער בייטש. דער וואגן האט זיך נישט גערירט פון ארט.

א פארמאטערטער פון צופיל אנשטרענגונג, האב איך מיך אנגעשפארט אין וואגן, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און ביי זיך געטראכט: „מאין יבא עזרי״? איז עס טאקע מן־השמים, אז כ׳זאל דא בלייבן שטעקן אין הועגן מיט מיין הויזגעזינט? ניין, ס׳איז נישט מעגלעך, השם יתברך כארלאזט נישט קיין יידן! פלוצים האב איך דערזען א באקאנטן פויער אנקומען מיט צוויי ספריטנע סוסים, עפעס אזוי ווי די רוחות וואלטן זיי געטראגן, געשפאנט אין א לייכטן וואגן . . . איר הערט, ר׳בעריש, איך וועל שוין קיינמאל נישט פארגעסן יענעם טאג און די סצענע ווי שרה יענטע, מיין ווייב, האט געגעבן עפעס א מאדנע אויסגעשריי און א קוואל טרערן האט א שפאר געטון פון אירע אויגן און געפאלן איבער אירע באקן, וועלכע האבן אין דער רגע אנגענומען א צופרידענעם שמייכל פון א מין אויסערגעווינלעכער ישועה.

הכלל, דער פויער האט נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות, צוגעשפאנט זיינס א פערד, געגעבן א פאכע מיט דער בייטש, אויסציענדיק א לאנגן „וויאַ־אַ־אַ !״, און מיין וואגן איז ארויס פון דער בלאטע. כ׳האב דעמאלט א נדר געטון אז צומארגנס נאך קריאת־התורה וועל איך גומל־בענטשן. און ווען מיר זענען אנגעקומען אין שטאט אריין בשלום, האבן שוין די געוועלבלעך זיך געהאלטן ביים פארמאכן.

אן אויסגעלייטערטער הימל, א קלארער, א יום־טובדיקער, האט פאמעלעך, ווי א חופה, זיך געשפרייט איבער דער שטאט. איך האבן באזארגט מיין פערד, אנגעזאגט שרה יענטען, מיין אשה, צו זיין פארזיכטיק מיט די מיטגעברענגטע מאכלים, איבערהויפט מיטן ראזשינקע וויין.

די שטוב ביי מיין ברודער, ר׳יונה זלידנעווקער, איז שוין געווען פסחדיק. א ווייס טישטוך איז געלעגן אויסגעשפרייט איבער דער ראגאושע, וואס האט באדעקט דעם געכשרטן טיש. די לייכטער מיט די ליכט זענען שוין געשטאנען גרייט צום בענטשן, אויך די קערה מיט די מינים און כוסות פון כלערליי קאלירן, טעלער, גאפל און מעסער. היינט די פיש און די גרויסע פלאש ראזשינקע־ווין אויף א באזילבערטער טאץ. א נחת, א פראכט! איך טראכט ביי מיר: „ווי וואויל און גוט ס׳איז צו זיין א ייד!״ אין שטוב איז ווארים, ריין, ציכטיק, באמת א גאנצער פאלאץ . . .

איך האב אויף גיך מיך ארומגעוואשן, געגומען מיין יינגל, מיין ברודער יונה מיט זיינע צוויי יינגלעך, און מיר זענען געגאנגען אין שול אריין דאווענען. מיטן קאפ פארבויגן אויפן רעכטן אקסל, האט דער שמש אויסגעהערט מיין בקשה וועגן גומל־בענטשן, געקנאקט מיט דער צונג: „טצע, טצע, אזא מעשה,



אזא מעשה! איר הערט, דאס איז מסתמא געווען אליהו הנביא פארשטעלט פאר א באקאנטן פויער. ר׳חיים, איר האט גרויס זכות אין הימל. אזא מעשה, אזא מעשה! נו, ס׳וועט שוין זיין טוב״.

אפגעדאווענט און גייענדיק פון שול, האב איך געפילט עפעס א ציטער ביי מיר אין די ביינער. געמיינט, אז ס׳וועט איבערגיין. מיין ברודער יונה האט געמאכט קידוש, און מיר האבן זיך געזעצט צום סדר. דאס יונגסטע פון די יינגלעך האט געפרעגט די פיר קשיות, און מיר האבן געענטפערט מיט „עבדים היינו לפרעה במצרים״ און געטיילט מכות צו אלע רשעים, ווי ס׳געהער צו זיין.

דורכגענומען פון דער ווארימקייט אין שטוב און פונם פסחדיקן ביסל בראנפן פאר די פיש און נאך די פיש, היינט די קניידלעך מיט דער הייסער, געשמאקער יויך, מיט די אנדערע גוטע מאכלים און ערשט די פיר כוסהלעך וויין, האב איך דערפילט א שווערקייט אין קאפ, מיט א ציטערן פון די הענט און פיס.

ס׳האט מיר גענומען שווינדלען פאר די אויגן. כ׳האב געשריגן, געשאלטן, געפאכעט מיט דער האנט, אזוי, ווי כ׳וואלט געהאלטן די בייטש בשעתן שמייסן מיין פערד איבערן זאד. אנכאפנדיק דאס טישטוך בעת מיין פאלן, האב איך מיטגעשלעפט די לייכטער, די כוסות, אלע עסנס, וואס זענען געשטאנען אויפן טיש און צוזאמען מיט דעם אלעם — בוץ! — מיט מיר אראפ אויף דער פאדלאגע . . .

וואס ווייטער איז געווען געדענק איך קנאפ. כ׳ווייס נאר, אז פונם פאלן האב איך צוגעקרענקט א שטיקל צייט. איין זאך האט מיך שטארק געערגערט, וואס כ׳האב נישט געקענט גיין אין שול אריין גומל־בענטשן. נאר נישקשה, הלואי ווייטער נישט ערגער, אחוץ וואס פון דעמאלט אן איז מיר דער אטעם געווארן א קורצער און א נאכשלעפנדיקן פיס עד היום הזה.

אבער גומל געבענטשט האב איך דאך ממש א שמים זאך!!

כ׳בין אפגעלעגן אזוי אין זלידנאקע ביז סאמע פאר שבועות. וואס איך געדענק פון די גאנצע צייט איז, אז א זלידנע פליג האט מיר געהאלט אין איין זשומען פאר דער נאז. און מיר האט זיך געהאלטן אין איין אויסדאכטן, אז דאס זיינען די זלידנאוועקער ווייבער, וואס קריכן מיט זייערע הענט צווישן די קעזן. און דאס גומל־בענטשן האב איך מקיים געווען אין שבועות טאקע אין הייליקן יום טוב פון קעז און מילכיקס, ווי עס פאסט פאר אז מילך־ייד ווי איך בין.

## עלי זילבערג

### כרמל - ליד

ניט קיין רויזן, קיין נארציסן,
ניט קיין טולפן, כריזאנטענעם,
ווילדע בלומען אין די פעלזן,
פריי פאר יעדערן צו נעמען.

צארטינקע ווי יונגע קינדער,
ריח שטארקער ווי פערפומען,
און קאלירן אונגעציילטע,
ווערט דאס הארץ און אויג פארנומען.

„ווער א ווער האט אייך פערפלאנצט דא!
ווער פארזייט אייך אין די פעלזן?
צי די רוסישע חלוצים,
צי די פערבליבענע פון בעלזן!

ווער האט אויך דאס בלוט געגעבן,
אייך געהאלפן צו דערנערן,
ווער געשטילט האט אייערע דורשטן,
מיט די טראפנס שווייס און טרערן?".

היינט צעבליט איר צארט דעם כרמל,
אין די בערג און אין די טאלן,
ווי א בילד פון גרעסטן קינסטלער,
אזוי פרעכטיק אויסגעמאלן.

קוש איך זאנפט די צארטע בליטן,
נאר איך וואג זיי ניט צו נעמען,
טאמער איך א גלות וואנדערער,
וועל זיי אפשר גאר פארשעמען.

## יידל גאלדבערג

## מיין ישראל - דערלעבניש

דאנערשטיק, דעם 24סטן אקטאבער, 1963, דריי אזייגער נאכמיטאג בין איך אפגעפלויגן אויף א דריי־וואכיקן באזוך קיין ישראל. די רייזע האט פאר מיר געהאט א דרייפאכיקן באדייט. ראשית, זיך ווידער זען מיט מיין ברודער, יוסף נאך א פארלויף פון אכט און צוואנציק יאר. והשנית, האט זיין זון, מיין פלי־מעניק אורי, געהאלטן ביי בר־מצוה ווערן. והשלישית, איז דאס פאר מיר געווען דער ערשטער באזוך אין ישראל.

שוין ביים אריינגיין אין ווארטזאל פון לאנדאנער פלי־האפן האב איך געהאט דעם ערשטן סימן, אז עס וועט זיין אן אינטערעסאנטע נסיעה. דארט, אין ווארטזאל, זיינען געזעסן סער אייזיק וואלפזאן מיט זיין פרוי. וואס איז, ליידי וואלפזאן מיט איר „סער" איז הייניקער מזלדיק ווי א באבע, וואס קומט דיר אנטקעגן מיט א פולן עמער וואסער?

אנגעקומען אין לוד זיינען מיר בערך 10.20 דעם זייגער ביינאכט אין א שטארקן רעגן. דאס איז געווען דער דריטער טאג ווי עס האט גערעגנט אן אויפהער. דאס ערשטע מאל פאר די לעצטע זיבן יאר, וואס ס'איז געווען אזויפיל רעגן אין מאנאט אקטאבער. פאר דעם לאנד גופא איז דער רעגן, נאך



אן אויסערגעוויינלעך־הייסן און טרוקענעם זומער, באמת געווען ווי מן פון הימל. אבער איך האב געהאט אביסל תרעומות: „צו דעם האב איך נישט באדארפט פארן פון ענגלאנד קיין ישראל!"

אפגעווארט האבן מיך מיין ברודער מיט זיין פרוי און קינדער און אנדערע מיטגלידער פון מיין שוועגערינס משפחה. צו באשרייבן דאס צוזאמענטרעפן זיך מיט מיין ברודער נאך אזויפיל יארן, האב איך ליידער נישט גענוג שרייבערישן טאלענט. גענוג צו זאגן, אז די „פריידנס־טרערן" זיינען געפלאסן פריי פון ביידע זייטן.

### א מעשה מיט אן עירוב

אויף צומארגנס, פרייטיק, בין איך נישט ארויסגעפארן אין ערגעץ, נאר זיך ארומשפאצירט איבער מגדיאל, דאס איז דאס דארף, וווּ מיין ברודער וואוינט. א קליין דערפל, זאמדיק, אבער שטיל און רואיק. טיילווייז זיינען די געסלעך נאך נישט ברוקירט און אן טראטוארן. ביי מיין ערשטן ארויסגאנג פון שטוב איז מיר אנטקעגנגעקומען אזא מין געשטעל: א ייד פון אריענט איז זיך געזעסן בנעימותדיק אויף א קליינטשיק וועגעלע, אין וועלכן ס'איז געווען איינגעשפאנט א נאך קלענער אייזעלע, און זיך געפארן לאנגזאם און געמיטלעך און פארשלאפן. ביים ערשטן בליק קריגט מען דעם איינדרוק, אז אין מגדיאל האט „צייט" זיך אפגעשטעלט מיט א לאנגער צייט צוריק. אז איינדרוק קאן אבער אויך זיין א נאר: אפילו אין דעם קליינעם דערפל ווערט אינטענסיוו געארבעט און געשאפן סיי אין אגריקולטור און סיי אין בוי־ארבעט.

דעם אין דער פרי האט מען ארום דער שול געמאכט אן עירוב, בכדי מען זאל שבת „מעגן" אריינטראגן אין שול די כלים צו מאכן דעם קידוש. נאכמיטאג איז דאס בר־מצוה בחורל אריינגעלאפן אין שטוב מיט א יללה: דער רב האט דורך אים געלאזט וויסן, אז דער עירוב האט זיך צעריסן און מען קאן די אלע נויטיקע זאכן נישט ברענגען אין שול אריין, און דער קידוש וועט מוזן זיין אין דעם רעסטאראנטל, וואס איז גראד קעגנאיבער דער שול, וואו מען האט געהאט באשטעלט די געטראנקען און מטעמים צום קידוש.

שבת זיינען מיר געגאנגען אין שול אריין גאנץ פרי. דעם אמת געזאגט, איז די שול געווען מער ווי האלב־ליידיק ווען מיר זיינען אנגעקומען, אבער ווען עס האט זיך דערנענטערט די צייט פון קריאת־התורה האט עס זיך גוט אנגעפילט מיט מתפללים.

נו, היות ווי איך בין געווען א גאסט און דערצו א פעטער פון דעם בעל־שמחה, האט מען מיך מכבד געווען מיט אן עליה. אבער דאס פיקאנטע דערפון איז געווען פאר מיר, אז באלד נאך דער צווייטער ברכה האט מען מיך גאר געהייסן גומל־בענטשן!... טאקע ווייל אונזער פליער איז מזלדיק אנגעפלויגן.

ווען דער בר־מצוה בחור איז ארויף צום בעלעמער, איז געשען עפעס וואס האט אויף מיר געמאכט אן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק: אלע קינדער אין דער שול, בערך דרייסיק־פערציק, זיינען ארויף אויפן בעלעמער און ארומ־

געריינגלט דעם בר־מצווה. איך האב נישט פארשטאנען די סבה דערפון, אבער באלד איז פאר מיר אלעס קלאר געווארן, ווייל קוים האט ער פארענדיקט זאגן די הפטורה און געמאכט די ברכה, איז פון דער ווייבער־שול אראפגעפאלן א רעגן פון ניס און צוקערלעך, און ביי דעם קליינוואַרג איז געווארן א געשטופעריי, כדי צו פארכאפן וואס מער פון דעם נאשעריי.

אפגעדאוונט, איז מען געגאנגען צום קידוש, און פון דארט אהיים, וואו ס'איז געווען צוגעגרייט א סעודה כיד־המלך פאר משפחה און נאנטע פריינט. צום טיש האבן זיך געזעצט בערך פופציק מענטשן. עס איז פארהאנען א סבה פארוואס איך דערמאן דאס. אויב איר האט נאך געדולד, לייענט ווייטער וועט איר פארשטיין וואס עס מיינט: „טוב שכן קרוב“.

## דאס ערשטע מאל אין תל־אביב

מוצאי־שבת, נאך דעם ווי די געסט זיינען אוועק, האט מען אלעס איבערגעלאזט וואו ס'איז געשטאנען: די טישן, די טעלער און אלע אנדערע כלים, וואס מען געברויכט צום עסן. און מיין טייערער ברודער און שוועגערין חנה, זייער עלטסטע טאכטער רות און איר „באי־פריענד“ האבן מיך מיט א קאר געפירט קיין תל־אביב.

דער ערשטער איינדרוק פון תל־אביב איז אומבאשרייבלעך. ווען מיר זיינען אריין אין צענטער פון שטאט, האב איך באמת נישט געוואוסט וואו צו קוקן פריער. עס פארכאפט דעם אטעם. דאס ליכטיקייט פארבלענדט די אויגן. אין לאנדאן איז זיכער נישטא אזויפיל באלויכטונג. די קאפייען — אנגעפילט מיט מענטשן סיי אינעווייניק און סיי ביי די טישלעך אין דרויסן. די שיינע געשעפטן, די קינאס, טעאטערן און קאבארעטן. דאס געפאר פון אויטאבוסן און פריוואטע אויטאמאבילן איז זייער שטארק. די טראטווארן זיינען געפאקט מיט שפאצירנדיקע מענטשן, און שנעל גיין קאן מען נישט; מען מוז מיטגיין מיטן שטראם.

איבעראל ווארפן זיך אין די אויגן יידישע אפישן, וועלכע אנאנסירן יידיש־טעאטער און קאנצערטן (דרך־אגב, עס האבן געשפילט בשעת מיין זיין אין ישראל פיר יידישע טעאטערס). אין אפיש האט אנגעזאגט, אז מארגן, זונטיק, דעם 27סטן אקטאבער, ווערט געפייערט דער פופציק־יאריקער יובל פון אברהם סוצקעווער.

ווי איך הער יידיש ריידן — און מען הערט יידיש זער פיל — דריי איך מיך אויס, שטעק די האנט מיט א ברייטן „שלום עליכם!“, און יעדער איינער ענטפערט מיר מיט פרייד און פריינטלעכקייט, ווי כ'וואלט געווען א קרוב. מען פילט זיך באלד אזוי אייגן, אין דער היים; אן אומפארגעסלעכע איבערלעבונג.

## יפו

דעם זעלבן אוונט זיינען מיר אריינגעפארן קיין יפו, אין אראביש־באוואוינטן טייל. אין היפוך מיט תל־אביב, איז עס פינסטער. פארחושכט: שמאלע געסלעך, וואו ס'קאנען צוויי מענטשן קוים גיין זייט ביי זייט. אין איינס פון די געסלעך



זיינען, ביז 1948, געווען בלויז הייזלעך פון פראסטיטוציע. ווען ס'איז געווארן מדינת־ישראל, האט די רעגירונג די אלע „ביתלעך“ נישט נאר צוגעמאכט, נאר יעדע טיר איז געווארן פארמויערט. בלויז נאר איינס פון די „געשעפטן“ דערלויבט מען נאך צו זיין אקטיוו. פארבייגייענדיק, זעט מען פון דרויסן דאס טונקל־רויטע ליכט און עס הערט זיך טריבע און טאנלאזע אראבישע מוזיק. א שטיקל אראבישע ירושה נאך . . .

ווי מיר זיינען אזוי געשטאנען אפאר מינוט און דאס אלעס אבסערווירט, האט א מאן אנגעקלאפט אין דער טיר. עס האט זיך געעפנט א קליין פענסטערל, דורך וועלכעס מען האט געקאנט זען ווער עס קלאפט. ערשט דאן האט מען געעפנט די טיר און אים אריינגעלאזט.

פון יפו זיינען מיר צוריקגעפארן קיין מגדיאל. און איצט הערט פארוואס איך האב דערמאנט וועגן די פופציק מענטשן, וואס האבן זיך געזעצט צום טיש. ווי איר האט עס געזען, ביי אונזער ארויספאר קיין תל־אביב זיינען אלע כלים, וואס מען האט גענוצט צום מאלצייט, ליגן געבליבן אין דער קיך. ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, איז אלעס אפגעוואשן און אוועקגעשטעלט אויף דעם געהעריקן ארט. די שטובן זיינען געווען צוגערוימט. גלייך ווי ס'וואלט גארנישט געווען. דאס אלעס האט געמאכט די שכנה, חיה — א טייערע נשמה.

## דער ערשטער טאג אין תל־אביב

זונטיק אין דער פרי בין איך, צוזאמען מיט מיין ברודער, געפארן פארברענגען דעם טאג אין תל־אביב. מיין פראגראם איז געווען א געפלאנטער. דאס ערשטע, זיך באזארגן מיט בילעטן פאר סוצקעווערס יובל. דאס צווייטע, אויפזוכן זיגמונד טורקאוו. דאס דריטע, צוגיין אין „קאפע נגה“, וואו עס קומען זיך צוזאמען די יידישע אקטיארן אין זייער פרייער צייט. נאך דעם זען תל־אביב ביי טאג.

און אזוי, לויט דעם פראגראם, זיינען מיר דאס ערשטע געגאנגען אין י. ל. פרץ ביבליאטעק צו קויפן בילעטן צו סוצקעווערס אוונט. דארט האט מען אונז געזאגט, אז זייער חלק בילעטן זיינען שוין אויספארקויפט. אבער מען האט אונז געראטן צו גיין אין קורץ'ס ביבליאטעק, אפשר זיינען דארט נאך פארהאן בילעטן. און דארט איז אונז טאקע געלונגען צו באקומען צוויי בילעטן.

ארויסגייענדיק, זיינען נאנט ביים איינגאנג פון ביבליאטעק געשטאנען דריי מענער און גערעדט אויף יידיש. פארבייגייענדיק, האב איך דערהערט פון זייער געשפרעך די צוויי ווערטער „יידיש־טעאטער“. האב איך מיך תיכף אפגעשטעלט און צו זיי צוגעשטאנען, און — מערקווירדיק! — איינער פון זיי איז טאקע געווען זיגמונד טורקאוו. נאך א קורצן געשפרעך מיט אים זיינען מיר געגאנגען אין „קאפע נגה“, וואו איך האב באדארפט איבערגעבן עטלעכע אקטיארן גרוסן פון מיין פריינט מאיר צעלניקער.

דאס קאפע איז א מקום מקלט פאר יידישע אקטיארן. ביי א גלעזל קאווע זיצט מען אפאר שעה און מען שמועסט טעאטער־פאליטיק. ווען מיר זיינען אריינגעקומען, איז דאס לאקאל אנגעפילט געווען און דאס אינטערעסאנטסטע

דערפון — אינטערעסאנט, לכל הפחות, פאר מיר — איז וואס די אלע מענטשן זענען געווען יידישע אקטיארן און אקטריסעס און סתם מענטשן, וואס האבן א שייכות מיט יידיש־טעאטער.

פון דארט זיינען מיר ארויס אין גאס אנקוקן די שטאט. דאס ערשטע, וואס פאלט אויף, זיינען די פרעכטיקע געביידעס, די אפארטאמענטן־הייזער, די האטעלן, די שיינע, געשעפטן. פון אלע זייטן זעט מען אינטענסיווע בויארבעט. גאסן ווערן פארברייטערט. א באצויבערנדיקע, פולסירנד־לעבעדיקע און וואקסנדיקע שטאט.

נאך אפאר שעה זיינען מיר צוריקגעגאנגען צו דער צענטראלער אויטא־בוס־סטאנציע. ווארטנדיק דארט אויף אן אויטאבוס, האבן מיר געזען אזא אינצידענט. עס איז פארבייגעגאנגען אן אריענטאלישער ייד מיט א קוישל ביינעלעך אויפן קאפ. דאס העמד האט זיך ביי אים ווי עס איז ארויסגעגליטשט פון די הויזן און פון הינטן האט עס זיך אינגאנצן נאכגעשלעפט. ער האט דאס קוישל אראפגעשטעלט און זיך גאנץ געמיטלעך, אין מיטן העלן טאג, אויפגעקנעפלט די הויזן, אריינגעמאכט דאס העמד, צוריק צוגעקנעפלט און ווייטער געגאנגען. וואס איז, ער איז נישט ביי זיך אין דער היים?...

העם זעלבן אוונט בין איך מיט מיין שוועגערין צוריקגעפארן קיין תל־אביב צו דער פייערונג פון אברהם סוצקעווערס פופציק־יאריקן יובל אין בנין פון הבימה־טעאטער. דער זאל איז געווען געפאקט. וואס מיך האט דערפרייט מער ווי אלעס, איז געווען דאס דער אוונט איז געפירט געווארן כמעט אינגאנצן אויף יידיש. א שיינער, אימפאזאנטער אוונט.

און אזוי האט זיך געענדיקט מיין ערשטער, פולער טאג אין תל־אביב.

## וויליאם שעקספיר

## אנטאניוסעס רעדע ביי צעזארס קבר — פון „יוליוס צעזאר“

פריינט, רוימער, לאנדסלייט, נייגט מיר אייער אויער!
קובר זיין וויל איך צעזארן, נישט לויבן.
עוולות, וואס א מענטש טוט, לעבן אים איבער.
דאס גוטע קומט אפט צו קבורה מיט זיינע ביינער.
אזוי זאל עס אויך זיין מיט צעזארן! דער איידעלער ברוטוס
האט אייך געזאגט, אז ער איז הערשזיכטיק געווען:
אויב אזוי, הארב איז אזא חסרון
און ביטער האט צעזאר געמוזט באצאלן דערפאר.
דא, מיט ברוטוסעס רשות און פון די אנדערע
(ווארום ברוטוס איז אן ערווירדיקער מענטש;
און אלע זענען עס חשובע לייט)
קום איך ביי צעזארס לוויה צו רעדן.
מיין פריינט געווען, מיר געטריי, גערעכט.
נאר ברוטוס זאגט, אז פול הערשזוכט איז ער געווען,



און ברוטוס איז אן ערווירדיקער מאן.
אהיימגעברענגט קיין רוים האט ער פיל געפאנגענע,
וועמעס אויסלייז־געלט האט אנגעפילט דעם אוצר פון אונזער מלכות:
האט דאס באוויזן, אז צעזאר לײדט פון הערשזוכט?
אז אביונים האבן צו אים געשריגן, האט ער געוויינט;
הערשזוכט דארף זיין געמאכט פון שטארקערן שטאף.
דאך ברוטוס זאגט, אז הערשזוכט פול איז ער געווען;
און ברוטוס איז אן ערווירדיקער מאן.
געזען האט איר אלע ווי ביים לופערקוס־יום־טוב.
דריימאל כ'האב אים אנגעבאטן מלכות־קרוין,
וואס ער האט דריימאל אפגעווארפן. איז דאס הערשזוכט?
נאר ברוטוס זאגט, אז הערשזיכטיק ר'איז געווען;
און זיכער איז ברוטוס אן ערווירדיקער מאן.
נישט בחינם האט איר אים אמאל אלע ליב געהאט;
וואס זשע שטערט אייך איצט נאך אים צו טרויערן?
א משפט, ביסט אנטרונען צו ווילדע חיות,
און מענטשן פארלוירן האבן זייער פארשטאנד! — האט געדולד!
מיין הארץ איז אינם ארון דארט מיט צעזארן,
און כ'מוז שווייגן ביז עס קומט צו מיר צוריק.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נעכטן נאך איז וועלט נישט ביכולת געווען זיך צו שטעלן
קעגן צעזארס ווארט, איצט ליגט ער דארט,
און נישטיקסטער אפילו גיט אים קיין כבוד אפ.
א בירגער, וואלט איך געהאט בדעה הארץ און מוט ביי אייך
צו אנטפלאמען און צום בונט, וואלט איך ברוטוסן אן עוולה געטון,
און קאסיוסן אן עוולה, וואס איר קענט זיי פאר ערווירדיקע לייט.
נישט קיין עוולה זיי, ליבער שוין דעם טויטן אן עוולה טון,
מיר אליין און אויך אייך, ווי באעוולהן ערווירדיקע לייט ווי זיי.
נאר זעט דאס פארמעט מיט צעזארס חותם;
געפונען האב איך עס ביי אים, ס'איז צוואה לעצטע זיינע,
(וואס, זייט מיר מוחל, נישט בדעה כ'האב צו לייענען),
און זיי געגאנגען זענען קושן צעזארס וואונדן
און געטונקען טיכלעך אין זיין הייליק בלוט;
יא, אפילו בעטן א האר פון אים לזכרון,
און ביי שטארבן זי צו דערמאנען אין צוואות,
ווי ירושה טייערע פאר די יורשים.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

האט געדולד, ליבע פריינט, כ'טאר נישט לייענען די צוואה;
איר דארפט נישט וויסן ווי צעזאר האט אייך ליב געהאט.
נישט האלץ זענט איר, נישט שטיין, נאר מענטשן;

און אלס אזעלכע טאמער הערט איר צעזארס צוואה,
זי וואלט אנטפלאמט אייך, געטריבן צו שגעון.
בעסער שוין נישט צו וויסן, אז יורשים זיינע דאס זענט איר.
ווייל טאמער ווייסט איר עס, קומט קיין גוטס דערפון ארויס!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

האט דאך געדולד! און ווארט א ווילע!
כ'האב מיך איבעראיילט עס אייך צו זאגן.
כ'האב מורא איך טו אן עוולה די ערווירדיקע לייט,
וועמעס מעסער האט צעזארן דערשטאכן: כ'האב מורא.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי, איר צווינגט מיך דאך צו לייענען די צוואה?
טא מאכט א קרייז ארום צעזארס בר־מינן,
און איך וועל ווייזן אייך אים וואס געמאכט האט די צוואה.
זאל איך ארונטערשטייגן? טוט איר מיר עס דערלויבן?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויב איר האט טרערן, מאכט אייך גרייט זיי איצט צו פארגיסן.
אט דעם מאנטל קענט איר אלע דאך: נאך דערמאן איך מיך ס'ערשטע
מאל ווען צעזאר האט אים אנגעטון אין זיין געצעלט,
אין א זומער־אוונט,
וואס אין יענעם טאג באזיגט ער האט די נערוויער.
אט זעט, דא איז קאסיוסעס מעסער אדורך,
קוקט וואס פאר א ריס קאסקאס קנאה האט געמאכט!
דא ארום האט פיל־געליבטער ברוטוס געשטאכן;
און בשעת ר'האט ס'פארשאלטענע שטאל אוועקגעריסן
זעט ווי צעזארס בלוט האט אים נאכגעפאלגט,
ווי צו דער טיר ארויס, כדי צו דערפארן
צי ברוטוס אזוי אומפריינטלעך האט געקלאפט, צי נישט;
ווייל ברוטוס, ווי איר ווייסט, איז צעזארס מלאך געווען.
איר געטער, משפט ווי זער צעזאר אים האט געליבט!
קיין שטאך האט אזוי געשמערצט ווי דער.
ווארום ווען נאבעלער צעזאר שטעכן אים געזען,
אומדאנקבארקייט מער ווי פארהעטערס כלי־זיין
גובר אים געווען האט. דעמאלט האט זיין מעכטיק הארץ געפלאצט.
און אין מאנטל פארהילט דאס פנים,
גראד ביים געשטעל פון זייל פון פאמפעיוס,
בשעת אזוי דאס בלוט איז געפלאסן, געפאלן איז דער גרויסער צעזאר.
לאנדסלייט מיינע, א ווי גרויס אט די מפלה!
דארט בין איך, און איר, און מיר אלע דארט געפאלן,
בעת איבער אונז געטריאומפירט האט בלוטיקער פארראט.
יא, איצט וויינט איר, און איך מערק איר פילט



דעם דראנג צו מיטלייד; דאס זענען מילדע טראפנס.
הארציקע מענטשן, וואס, איר וויינט, קוקנדיק אויף צעזארס
געוואונדיקט קלייד? אט דא, דא ליגט ער אליין,
געשענדעט פון פאררעטער!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גוטע, ליבע פריינט, לאמיך אייך נישט מיטרייסן אין א איפברויז
צום ווילדן בונט.
די, וואס געטון האבן אט די טאט, זענען ערווירדיק.
יסורים וואס זיי פערזענלעך האבן ווייס איך — ליידער! —
נישט פארוואס זיי האבן דאס געטון.
יא, זיי זענען קלוג און ערווירדיק אויך דערצו
און וועלן, אן ספק, מיט באגרינדונג אן ענטפער געבן אייך.
נישט ווי גונב דעת הבריות קום איך, פריינט;
איך בין קיין רעדנער נישט, ווי ברוטוס איז,
נאר ווי איר קענט מיך א פראסטער חי־וקיים,
געטריי א פריינט, און דאס ווייסן זיי גאנץ גוט
וואס מיר דערלויבט האבן אפן דא צו רעדן.
איך האב קיין וויץ, קייןווארט, קיין ווערט,
קיין האנדלונג און אויך קיין חיתוך־הדבור,
צו רייצן מענטשנס בלוט;
נייך, איך רעד נאר בלויז אזוי.
און דערצייל אייך וואס אליין איר ווייסט עס שוין.
איך ווייז אייך דעם געליבטן צעזארס וואונדן,
שטומע, נעבעך, שטומע וואונדן,
וואס זיי הייס איך אנשטאט מיר צו רעדן. נאר וואלט איך ברוטוס געווען,
און ברוטוס—אנטאניוס, וואלט עס דעמאלט אן אנטאניוס געגעבן
וועלכער וואלט אייער גייסט גערירט און יעדער וואונד צעזארס
א צונג געגעבן, אזש געוועקט האלטן זיי
צום אויפשטאנד שטיינער אויך פון רוים.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאך הערט מיך, לאנדסלייט; נאך הערט מיך אויס!
נו, ווייסט איר, פריינט, וואס איר טוט?
מיט וואס זיך צעזאר האט פארדינט אייער ליבע?
ליידער נישט, איר ווייסט עס נישט! — מוז איך זשע עס אייך זאגן!
פארגעסן האט איר די צוואה, פון וועלכער כ'האב גערעדט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אט איז די צוואה, און אונטער צעזארס חותם.
יעדן רוימישן בירגער גיט ער,
אויף יעדן קאפ אייך צו פינף און זיבעציק דראכמעס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אײך לאזט ער אײך אַלע שפּאַציר־גענג זײַנע,
פאַרשלאָסענע גאָרטנס, און נײַ־געפלאַנצטע סעדער,
פון דער זײַט פון טיבער־טײַך; געלאָזט האָט ער זײ אײך
און אײַערע יורשים אויף אײביק, כּדי צו האָבן פאַרגעניגן
און געמײנזאַם דאָרט פאַרברענגען.
שוין אײנמאָל אַ צעזאַר! ווען האָבן מיר זײַנסגלײַכן?
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
יאָ, איצט זאָל עס ווירקן! משחית, דו האָסט דעם וועג;
נעם וועלכן לויף דו ווילסט!

פון ענגליש א. אלמוג

## א. נ. שטענצל

## א שײַלאָק - סערענאַדע

(צום 400־סטן געבוירן יאָר פון שעקספּירן)

בײַם פענסטער פון דײַן אומשטערבלעכקײט, שעקספּיר,
אַ סערענאַד לוסטיק מאַנדאָלינען;
כאַטש אויף בלוט־טײַך, גרוויליק, פאַרגאָסענעם,
גאַרנישט גרינג, זינגענדיק, מאַנדאָלינען.

ראָמעאָ און יוליאַ, האַמלעט און מאַקבעט,
דער קעניג ליר מיט זײַנע דרײַ טעכטער;
נישט ווײניקער טראַגיש, גאָון, דײַן שײַלאָק —
אין גוײם־נחת קראָען־געלעכטער.

חבֿרה גאַסן־יונגען, אָנגעשכּורטע,
גנבֿענען צו בײַם ייִד דעם לעצטן גילדן,
גענאַרן אַרײַן זײַן אײן־און־אײנציק קינד
אין פאַקל־צוג־געוואַי, ווילד־ווינד ווילדן.

דער זיסער יעסיקאַ־לאָרענצאָ־דועט,
ווי נידעריק טיף דער גרעסטער קאָן ווערן!
ווען כ'האָב אים געלײענט, ווי האָט מײַן האַרץ געוויינט:
פאַרגילדיקט, האָס נאָך אַרויסצוהערן...

ווי ס'גנבֿעט זיך לבֿנה צווישן די וואָלקנס,
די שטערן די גאָלדענע דוקאַטן!
ס'לײגט זיך אויפן שכל? איז עס פון האַרצן?
אַ טאַכטער אַ טאַטן זאָל פאַראַטן?

צי האָט דינה פאַראַטן פאָטער יעקבֿ,
האָט נישט שכם דינה'ן געטון פאַרפירן?
„הכזונה יעשׂה את אחותינו"? פאַרשעמט,
ס'נעמט לבֿנה רויטלענדיק שעמערירן — — —



אַרײַנגעוואַקסן אין אונדז דו ביזט, שײַלאָק,
שמעון און לוי צווישן די שבֿטים!
אויב בײַ די מעסער־העלדן, די „אויפשנײַדערס",
דײַן מעסער שטומפּיק פאַר די משפּטים,

אָבער ווי זיצן זײ, אָנגעצוואָגענע,
אויף דער בית־דין־באַנק די בעטלער־קרעמער;
אפילו פּאַשאַ, די שײנע חכמעס,
אָנגעגאָסן מיט אַ פולן עמער.

וואָסער קאָמעדיע דו האָסט דאָס אויפגעשפּילט!
אין עכאָ פון לײדיקע ווײן־פעסער,
שטײט ער טראַגיש, אַזוי, דער ייִד, שײַלאָק,
אין געבײַלטער פויסט ס'נסיון־מעסער.

צווישן די אויסגעבײַטלטע פּליסטער,
שמשון הגבור — נישט אַ האָס־בלינדער,
מיט די וואָג־שאָלן אין האַנט, אָפּצוועגן
דאָס האַרץ פון אַ מענטש, וואָס גנבֿעט קינדער.

אויף זײַן פאַרשטײנטן ווי געשאַרפט האָס מעסער,
אַבֿרהם פאַר זײַן זון — אײן און אײנציגער! —
„על תּשלח ידך אל הנער"! שעקספּיר,
זײַן קינד באַשיצט שײַלאָק, דער גײַציקער — — —

בײַם פענסטער פון דײַן אומשטערבלעכקײט, שעקספּיר,
אַ סערענאַדע כ'זינג נישט קײן קינה'ס;
זײ זאָלן נאָר נישט פּלאַצן, מיט געיאָמער —
ס'ציטערן, ווי האַרץ־פּעדעם, די סטרונעס.

וואָסער גאוֹנות, אַזאַ שײַלאָק־מאָנאָלאָג
אין דער לײדיקײט אויסשרײַען צו קענען!
הונגער־בליצן קײַלערן זיך די עכאָ'ס,
און די שײַטער־העלצער נאָך אַלץ ברענען.

די מעסער־העלדן הײַנט נאָך העכער געלאָבט,
וואָלטן מיר נישט געשאַרפט איצט די מעסער!
ווי שפּלדיק נידעריק דער מענטש געזונקען —
וואָס בלוטיקער ר'איז, אַלץ העלדיש גרעסער.

## נאָך אַלץ...

(הײַנט צײַטיקס)

מ'ברויך נאָך ייִדיש בלוט צו שמירן די רעדער?
הערט מען שוין דעם וואָגן נישט דערשלעפּן;

מ׳מעג שוין אנהייבן שארפן די גיליאטין,
איינס דאס אנדערע זיך אויסצוקעפן.

נישט געגנגען זיך אליין אויסצוקוילען,
כל כלי זיין געקאווועט ביי קרופן,
אויב נאך אלץ נויטיק שויער לעזאזל׳ס,
גיפט־רעדעס — גילזן מיט פראך אנשטופן.

רעדער־געשווינדל — גלגלים־גילגולים,
מעגן זיי שוין לבנה דערגרייכן,
נישט אלע מענטשן — מיט אטאם־באמבעס,
מ׳וועט זיך אליין מיט דער ערד אויסגלייכן.

אז מ׳זאל אונז אצינד אזוי אויסלאכן,
אזויפיל בלוט צעשטייער געגעבן ?
אויף צעפיקעניש פון שונאים וועלן מיר,
די דערלייזונג פון מענטש דאך דערלעבן.

טעזן, אנטיטעזן — אנטיסעמיטן !
אין אלע לענדער ווו נאר געוועזן — —
ווי געלויטערט נאך ווערן גערייטערט בלוט,
אלע מענטשן דערמיט צו סינטעזן ? . . .

א, אז אויסגעוויילט דערצו געווארן ;
מיר גייען נאך אלץ אזוי און גייען ;
דאס געטריף פון אונזער פארוונדיקטן טראט,
ס׳ערד ראד נישט אויפהערן זאל זיך דרייען.

כוואליע־געפלייץ, תהומיק־ברויזיק, וויסט־שוימיק,
מיל־העדער מאלנדיק זיי באוועגן,
אזוי מיר, איבערן גלגל־הארץ,
וונדיק־וואנדלדיק געוואגטסטע וועגן.

## לא תרצח

זעקס מיליאן מאל ברעכן דאס זעקסטע געבאט
א גאט, האט אזוינס שוין ווען געטראפן ;
נישט אין מלחמות, נישט אין רעוואלוציעס,
צומאל פאגראם־כוליגאנעס באזאפן.

קאלטבלוטיק, גוט און געטוי אויסגערעכנט,
דאס געלד צוגזלען ביז לעצטן גראשן ;
שבתדיקן בעכער, פסח־כוסהלע,
פון סאביעסקיס צייטן ירושה בראשן.



ס׳העמד פון לייב גערויסן, דעם גאלד־צאן פון מויל,
קדושן־רינגל מיט פינגער געשניטן !
א מארד צוגעגרייט אויסגערעכנט אזוי :
מענטשלעך אש אויף פעלדער — מיסט צעשיטן.

א שפע, א מין זשניווע, אזא זאק־רויב !
און איצט קוים צוואנציק יאר פארלאפן,
קעץ פון זאק ארויס : „פארעלטערונג געזעץ״ !
א גאט האט שוין אזוינס ווען געטראפן ?

איז טאקע שוין דער „לא־תרצח״ פארעלטערט ?
דער גזלן, זולל־וסובא־פרעסער,
ער שניידט דאס צו די געזעצן פארן מענטש,
מיט זיין בלוט־טריפנדיק פגימה־מעסער ?

## אונטער - אויבים - פאליטיק

די סעריע סעזאן סאטירעס,
כנגד די זיבן ספירות,

אויב פויפסט זשאן געפארן קיין ירושלים,
טא פארוואס נישט פרעמיער כרושטשעוו קיין מצרים ?
דער ערשטער האט געפילגערט קברים צו מעסטן,
ער אויסגערויכטע געבלס־נארגילע — „טעסטן״.

אויב יענע „מכה אשר לא כתובה בתורה״,
געמיינט אפשר „פארטרעטער״ פון קינד פון בורא ;
איז דאך דער אסוואן־דאם די מכת־דם טאקע,
די פינסטערע פעדייאין — צפרדעים־מכה.

מילא אין מאסקווע צופיל יידישע נעזער,
בלויז וואס וויל נאך דער לאנג־צעפיקער כינעזער ?
„לא תתאב מצרי״ ! אבער דער חצוף נאסער,
„דעם ממזר ג׳טובל׳ט אין ריינסטן נאצי־וואסער.

דער רוסישער ספינקס צווישן די פיראמידן,
אויב נישט מתפלל זיין, כאטש טראכטן פון יידן :
„וואט״, שוין דעמלט דא מיט זייער מצות באקן — —
„קאק, קאק״, מיט וואס ביים האלדז און נאקן זיי פאקן — — —

אויב דער פויפסט געפילגערט קיין ירושלים,
פארוואס נישט פרעמיער כרושטשעוו קיין מצרים ?
אויב סטאלינען פונם מאוסאלעאום געווארפן,
„דא, דא״, ערשט די נאסער־מומיע ווי געדארפן — —

## דער „לענין - ארדן"

כ׳שיק אים דיר צוריק, כרושטשעוו, מיין „לענין ארדן"
אויב נאסער אויך שוין אזא איינעם באקומען;
האב איך אים אמאל געטראגן אויף מיין גאנץ הארץ,
פון א געלעכערטן אצינד ארופגענומען.

מילא, כ׳וואלט געלעבט אויפן עולם־השקר,
אבער איצט דא שוין אויפן עולם־האמת?
צוגעלייגט כ׳וואלט א ליד פאר אהרן ווערגעליס
אבער דא שרייבט מען אויף גאנץ אנדערע טעמעס.

גאנץ „סאוויעטיש היימלאנד", חלילה, איינשטעלן,
אז זי זאל אפדרוקן אזא ליד, איך ווייס עס;
נישט היינט געדאכט, אז עס נעמט א גרויל אפ נאך דא,
איז שוין טאקע בעסער איך צערייס עס.

איינמאל האט מיך חיים נחמן איינגעלאדן,
א גלעזל יין־המשומר מיט אים טרינקן,
און ווי ער האט אים דערזען, מיין מעדאלאנטשיק — —
ווער וויל דא האבן צו טון מיט א לינקן?

כ׳שיק אים דיר צוריק כרושטשעוו, מיין לענין שטערן,
דיין אמאליקער, פרץ מארקיש. איין רגע:
צוצולייגן אויך, זיין „העלד פון ראטנפארבאנד",
בעט אנאנים, א בעל־פחדן, א קאלעגע.

## „העלד פון ראטנפארבאנד"

קאך דיך נישט, א, מען קאן זיך אויף אים פארלאזן,
אויב געמאכט פאר א העלד, וועט מען אים שוין שיסן;
מיינעם כ׳ליגן ב׳בלאנזשענדיקן שטערן־רעקוויזיט,
און אין בריוו קאנסט דו ניקיטי׳ן פון מיר גריסן.

ער שפילט זיין ראל קלאסיש, פאיאציש, סטאריש,
ער וועט זיי אלעמען אין באד ארייגפירן!
פאליטיק איז נישט מנחם מענדל השני,
אויף בינע־ברעטער מיט „לאנדאן" שפעקולירן;

פאליטיק איז טויט ממש, אין די מיליאנען —
מיטן לעבן לעצטע קארט, טרומף אויסצושפילן!
אויף עולם־השקר — אין מאסקע אן אקטיאר,
דא אן גרים — גאר נישט פארווישן און פארהילן.



ווי דער שניאורזאנעניו מיט זיין צארסקע מעדאל,
מ׳קאן מיט לענין־שטערן זיין א גאנצער מאכער;
מיינסט דו, אז דא דערקענט מען יא שוין, ווער עס איז
דער גרויסער בעל־נס און ווער איינפאך א זנאכער?

קאך דיך נישט, א, מען קאן זיך אויף אים פארלאזן
צום „באחרית הימים" נאך ווייטער מהלך!
און אז יא שוין, אומשטערבלעך, א קדוש, א העלד,
צוריק ווערן אצינד א שטרויענער מלאך?

## „פידזשן - רעלידזשן"

די מחלוקה צי תורה מן השמים —
וואלט זי נאר לשם־שמים געווען!
„שסופה להתקיים", איז דאך דער סימן,
ווען מיר צוזוארטן, ס׳גרייטע זען.

על־כל־פנים אבער, בכל־אופן זיכער,
אז מן העם־הארץ איז זי נישט;
אפילו א שפינאזע האט לערנען געמוזט!
איז ניתי ספר, און אויפגעמישט.

מיט א גרעפץ מעלה־גירהן אברהם גייגערן,
קיין מיימאנידעס מ׳איז נאך נישט אלץ!
און חזיר־פוסל וויפיל ס׳זאל זיך נישט שפאלטן,
זיך ווייקן און באשיטן מיט זאלץ —

„פידזשן־רעלידזשן", „מיניסטערס", מינין־יידן,
נפטר־פיפטער, דעם מפטיר קענסט דו?
„ווער ס׳האט די מאה דער האט די דעה", צומאל
לאחר מאה, אין אייביקער רו — — —

די מחלוקה צי תורה מן השמים — —
„לא בשמים היא"! זי מוז זיין
טיף אין הארץ! תורה טאקע די בעסטע סחורה,
אבער מ׳מוז זיך אויף איר פארשטיין.

## פאפאגיינו

(פאר די קעמפער „אוי היברו אוי ענגליש")

אין אלע זיינע שבעים־לשונות,
ס׳האט שוין דער פאפאגיי אלץ אויסגעפרואווט,
אויף זיין „עולה־ויורד"־לייטערל,
אויסגעסטראיעט ווי חתונהלע צום גט.

דער פחדן קוקט אים פון פנים ארויס
דער נאר גרויס פון דער קרומער נאז אראפ:
שוין ווער געהערט אמאל, געזען אזוינס —
א מין בעל־לשון, א מיניסטער קאפ!

בלויז ווילאנג שאקלען זיך אויף לייטערל?
הייבט ער ווידער אן בראקן זיינע רייד!
פרעגט אים בחרם, צי ער אליין כאטש,
איין ווארט פארשטייט און דערפילט דעם באדייט.

אים אויסגעלערנט, גוט איינגעחזרט,
מיט יעדן זאץ, א באק־צאן זיך אויסבראכט!
אך און ווי, מישטיינסגעזאגט אפילו,
ווען ער וויינט, צי גרילצנדיק זיך צעלאכט.

אין אלע זיינע שבעים־לשונות,
דעם טעם אין מויל כאטש פון איין ווארט!
ס׳נעמט א רחמנות אן, קוקט מען עס אן,
א לעבעדיק נפש איז עס דאך פארט.

## א „לייבל"

הענגט מען אויף א שלאס אויפן מויל ווי א הונט,
מאַכט מען פון שטאַרקסטן לייב א לייבל,
און אנשטאָט מיט זיין ברויזיק גרימיק געבריל,
הייבט ער אן ווארקען ווי א שטיל טייבל.

אין זיין צעפלאָשעט צעשויבערטע גריווע,
מיט פיינסטע פעטן נישט אויסצוגלעטן,
נעמט שיינענדיק אויפגיין לבנה־גלאַצע —
אין קעפ טיף־געזינקענע פאָעטן.

מיט זיין גאנצן גבורהדיקן רוקן,
א קעצל ווערט ער מיט א הויקערל;
אין זיין לאפקע זיין עק, פויקט ער צו אלץ צו,
הארבאטע קלעזמערל־פויקערל.

מען צוימט ראסאווע פערד מיט לייץ און מיט בייטש,
און ס׳טאַנצן אויף די קייטן די בערן;
אפילו פונם מלך פון די חיות,
פונם לייב — א לייבעלע קאן ווערן.

הענגט מען אויף א שלאס אויפן מויל, ווי א הונט,
ווערט פון א לייב אויף קיטל אהינטל:
עס באמבלט אויף דער וועסט אויף ברייטן בייכל,
שאקלט צו צו גרעבצעדיקן „ווינטל".



## צייטלאז

אז א לויז כאפט זיך אריין ערגעץ דארט ווו,
איז מילא זאל זי זיך דארטן ליגן;
מען מאכט א שוויג, מען פארבייסט שטיל די ליפן,
גיי נעם דיך מיט א לויז ארומקריגן.

אבער אזא בריהלע האט א טבע,
דווקא אויפן קאפ ארויפצוקריכן,
און נישט בלויז עס בייסט זיך און עס לייזלט זיך —
א פארך־קאפ עס מאכט פון דיר אין גיכן.

און האסט דו א בארד, ס׳ווערט באלד דארט פול מיט איר —
גאנצער הדרת־פנים ווערט דאס לייזל!
א, נישט נאר אין קלויז זיצט אין מזרח די לויז,
צומאל אין רבינס פאה־געקרייזל.

בלויז וואסער עצה צו אזא חיהלע,
אז ס׳כאפט זיך אריין ערגעץ דארט צווישן? . . .
אין זיין גריווע ס׳קריגט זיך אריין א פלוי,
מיט זיין לאפע קאן לייב זי דערוווישן?

אז א לויז כאפט זיך אריין ערגעץ דארט ווו,
יא, דו ווועסט זי שוין נישט ארויסטרייבן;
אמת, האסט קיין ברירה, קאנסט דיר נישט העלפן,
אבער א לאזער ווועסט דו שוין בלייבן.

## שלוס - סאנעט

לעבן און טויט פון איין מטבע די צוויי זייטן,
פון איין זייט די לבנה, פון דער צווייטער די זון;
איז זי פון גין־גאלד, פון זילבער, פון בליי, פון טשוהון?
וואס חילוק? א מטבע נישט אויסצובייטן!

עובר לסוחר אזוי פון אייביקע צייטן,
און אזוי גייט זי בירושה פון טאטן צו זון;
א ווייל זי אין האנט צו האלטן, וואס אלץ נישט מיר טון!
גרייט איינער נ׳צווייטן ס׳לעבן צו נעמען, צו טייטן.

בייטאג ביי נאכט זי קייקלט זיך אונז פאר די אויגן,
אין טונקלסטן חלום — א ליכט־שטראל אנגעפלויגן!
מען ציטערט אויף שוין בלויזן קלאנג אירן מען דערהערט,

פארזשאווערט, אפגעריבן מען זעט זי אויפגלאנצן!
צי האט זי עמעץ־ווער דען שוין געזען אינגאנצן?
און די גאנצע מטבע קיין גראשן נישט די ווערט.

# דאס מלחמה - יאר 1914

(שלום פון קאפיטל)

דער טאטע האט מיר טאקע גארנישט געזאגט בשעתן צוריקגעבן מיר מענ־העלעס „קליאטשע", אבער כ'האב דאך נישט געהאט די העזה מיך אנידערצו־זעצן און בריש גלי, פאר אלעמען אין די אויגן, צו לייענען. אבער וויפל מאל כ'האב מיך נישט געזעצט צו דער גמרא, האב איך דאך נישט געפונען דעם פאדים, דעם ציענדיקן ניגון, אפילו נישט דעם ריכטיקן שאקל — עס האט זיך נישט געלערנט! ס'איז געווען ווי א מין דרעפטשען אין א בלאטע; עס האט געפעלט די ריכטיקע התמדה, דער טעם; עס איז געווען ווי אן עסן אן אפע־טיט. די ליפן האבן טאקע געלערנט, אבער דער קאפ האט געטראכט. דאס הארץ האט געקלאפט און געווארט: די טיר וועט זיך טון מיט שרעק אן עפן, און ווידער וועט א ציטערדיקע האנט מיך אדורכפירן דורכן פינסטערן בוידעם. זי וועט שטיל ציטערן אין מיינע . . . איך שפיר שוין די ווארעמקייט אין מיין גאנצן לייב . . . שוין שטיי איך ביים בוידעם־פענסטערל און איך לייען ווייטער וואו כ'בין שטיין געבליבן: „ליבער זיסער סאלאוויי" . . . וואס מיינט עס „סא־לאוויי" וואס איז דער טייטש „סאלאוויי"? וואס איז דער פשט?

נישט וויסנדיק אליין וואס איך טו, נעם איך ארויס דאס בוך און לייען. איך פארשטיי נישט וואס עס מיינט; עס מישט זיך דער ווארעמער ציטער מיט די ווערטער; נישט דאס בוך האלט איך אין דער האנט, נאר ציטערדיקע ווארעמע פינגער. אזא זיסע גלאטיקייט, א צערטלעכקייט ביז אין הארצן אריין: „אוי, איך פיל דיין הארץ, ליבער טייערער סאלאוויי מיינער! דאס הארץ פון א בריה א פאעט פילט דעם צער פון דער וועלט".

געוואלד, וואס טוט זיך דא?! ס'איז דאך פון זינען ממש אראפצוגיין.

כ'הייב נאכאמאל אן: „דאס ווייבעלע דיינס האט, ווי א באלעבאסטע, צו־רעכט געמאכט דאס הייזל, צוגעגרייט א ווייך, פריש געלעגער" — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מסתם שעהן אזוי געזעסן, פארגעסן אין מיר, פארגעסן מיינע רעיונות, פארגעסן, אז די גמרא ליגט פאר מיר אן אפענע . . . איך לייען, לייען, נישט הערטער לייען איך . . . פארן בוידעם־פענסטערל וויקלען זיך בילדער, ווי אפגעמאלענע אקוראט מיטן פינסעלע . . . ניין, נישט בילדער, אן אמתער וואלד — דער זאמקעוויצער וואלד, א זשיוויעצע שמעקעדיקער און פול מיט זון . . . איך ליג א צעבראסטעטער, איך אטעם, א זומערפייגעלע פלאטערט, א פייגעלע זינגט: „שפיל, סאלאוויי, שפיל" . . .

כ'פארשטיי דאס ווערטל! ס'איז נישט קיין ווארט, ס'איז געזאנג, וואס הערט נישט אויף צו זינגען אזוי אומעטיק־זיס, אזוי טרויעריק־פריידיק, אזש ס'ציט ארויס די נשמה, ס'פארגיסט די אויגן מיט טרערן . . .

דער סקלאד איז שוין געווען פארמאכט, אין קיך האט דער טאטע זיך געוואשן פון דעם מיאל־שטויב, צימעלע האט זיך געפארעט ביים אויוון. איך האב געהערט, אז מ'גייט אראפ פון די שטיגלעך אין שטוב אריין. אבער געווען



אריינגעטון אזוי מיט אלע חושים אין לייענען און נישט באוואוסט ווערנדיק מיר, אז איך האב מיך פאר עפעס צו היטן און נישט געשפירט, אז איבער מיר שטייט די מאמע, ווי איבער א קראנקן און שאקלט זיך: „וואלסט כאטש פאר־מאכט די גמרא . . . דיר וועט ער הען עפעס זאגן? מיר זאגט ער דאך" . . .

די מאמע האט מער שוין נישט געברויכט צו זאגן. איך האב זי אנגעקוקט ווי א האלב מטושטשער, א דערשראקענער, ווי אן אויפגעוועקטער אינמיטן א זיסן, שווערן חלום און האב אלץ שוין געוואוסט. עפעס אזא טיף קנייטשעלע האט זיך באוויזן צווישן אירע בלויע, גרויסע אויגן. אזוי טיף־טרויעריק האט עס געקוקט, ווי מיט שרעק, ווי מיט רחמנות:

„דער טאטע איז א גאנצן טאג צוגעלייגט, כ'דערקען אים נישט . . . ער האט א פאר מאל אריינגעקוקט צו דיר אין פענסטער אריין און די האנט האט אים אזוי געציטערט אויף דער בארד . . . וואס פאר א בוך איז עס? דו ווייסט דאך אויך אויס אינגאנצן צערודערט . . . געב עס דאך אפ פון וועם דו האסט עס גענומען".

איך האב געקוקט אויף דער מאמען, ווי כ'וואלט זי ס'ערשטע מאל געזעען, און ווי קוקנדיק אויף איר ערשט פארשטאנען דאס געלייענטע. ווי שיין, ווי טרויעריק זי זעט אויס. ווי אקוראט דאס קנייטשעלע פאסט זיך אריין צווישן די אויגן, ווי שטיל פארטראכט עס שטייט, ווי ס'שרייט . . .

עפעס האב איך מיטאמאל דערפילט ווי גליקלעך מען איז צו האבן אזא מאמע, ווי טרויעריק־שיין זי זעט אויס, ווי די נאז־פליגעלעך ציטערן אזוי דורכ־זיכטיק: „מאמע, ווען דו וואלסט עס געלייענט, דו וואלסט געווען א גאנצן טאג אזוי טרויעריק, אזוי שיין . . . טעג וואלסטו געזעסן ביים פענסטער און געטאקט דאס שענסטע טישטוך־צערעלע . . . דו געדענקסט אין טשעלאדזש ווי שטיל ס'איז געווען אין שטוב" . . .

„הער אויף!" האט די מאמע א געשריי געגעבן און איז ארויס מיט דער פראנט טיר צו דער גאס צו צום פלאץ פאר די פענסטער מיט די פעבלדיקע גארדינען, פון וואו ס'האט ארויסגעקלונגען דאס קלאוויר־שפילן . . .

די טיר איז געבליבן אפן, און די געדעמפטע אקארד־קלאנגען, וואס האבן מסתם אויך געשפילט גאנצע שעהן, נאר איך אין מיין אריינגעטוענקייט האב אין זיי אינגאנצן ווי פארגעסן און איצט, ווען די טיר איז געווען אפן האבן זיי ווי אויפגעציטערטע שאטנס אנגעפילט די טונקעלע שטוב.

גייענדיק צו מנחה אין שטיבל אריין, איז דער טאטע נאך אלץ געווען טרויעריק און געשוויגן. כ'האב אבער דערפילט, אז זיין טרויעריקייט איז וואס ער דערשפירט, אז ער פארלירט מיך; אז איך רייס מיך פון אים אפ. האב איך אים געוואלט באווייזן, אז איך האב קיין סודות נישט פאר אים און אנגעהויבן ווי אן איבערגעריסענעם שמועס: „דו האסט דאך עס געלייענט. ס'איז דאך ממש גאונות, דער ווילנער גאון".

ער האט מיך טאטעדיק אנגעקוקט. ער האט מיך פארשטאנען. ער האט געוואוסט וואס איך בין אויסן און מיך ווי באטראכט: „ס'גייט אבער נישט אין דעם; גאונות איז נאך נישט אלץ; נישט דער עיקר . . . רחמנא לבא בעי" . . .

דאס ריידן איז געווען ווי אלעמאל, ווי מיר וואלטן גייענדיק באשמועסט עפעס א סוגיא, אן ענין. איך האב געוואוסט וואס צו זאגן, וואס צו ענטפערן, אבער דאך נישט געפונען די ריכטיקע ווערטער.

„דו ווייסט וואס עס מיינט ספרים חצונים? ספרים וואס קומען פונדרויסן . . . אש זרה . . . ס'פרעסט אויף אינגאנצן . . . וואס מיינסטו, דער ואחרי מות בני אהרן איז אזוי פשוט? זיי האבן אויך געוואלט מקריב זיין, נאר ס'איז געווען פרעמד פייער" . . . ער איז שטעקן געבליבן. כ'האב געשפירט ווי די ווערטער שטיקן אים אין האלז און ער קען נישט ווייטער.

מיר זענען שווייגנדיק געקומען אין שטיבל אריין. מ'האט שוין געהאלטן אינמיטן דאווענען. כ'בין שטיין געבליבן שמונה־עשרה ביים טאטן. כ'האב געהערט ווי ער האט געוויינט . . . כ'האב נישט געקענט מער אויסהאלטן!

איך בין שטיל ארויס פון שטיבל, נאך איידער דער טאטע איז אויסגעגאנגען שמונה־עשרה, און אין איין אטעם מיך געלאזן לויפן צו דוד ריכטער איבער דער „גובערניע", איבער דער ראגאטקע, ארויף צום שאסיי. כ'בין געווען אדורכגענומען פון טאטנס געוויין און געזוכט מיך וואו צו ראטעווען.

בין איך געלאפן מקיים צו זיין דער מאמעס ווערטער: „עס אפצוגעבן פון וועם עס גענומען"? אדער בין איך געלאפן אהין, וואו איך געהער איצט? דאס שטיבל, די מענטשן, די שענק מיט די אפגעשליסענע ספרים, די חלב־באטריפטע טישן, אין ווינקל ס'הערינג־פאס מיט וואסער, מיטן שמוציקן, נאסן האנטוך, אלץ איז מיר עפעס אזוי ווי פארמיאוסט געווארן, פרעמד געווען, אפגעריסן פון מיר . . . מיין טאטנס געוויין האט מיך נאכגעיאגט!

כ'בין געלאפן, ווי כ'וואלט געוואלט אנטלויפן פון מיר, ארויסלויפן פון מיר — כ'בין ממש אריינגעפאלן אין א פינסטערער, גרויסער שטוב, וואו אינמיטן אויפן טיש האט געברענט א 5ער לעמפל אונטער אן „אבאזשור", אגעמאכטן פון א שטיק פאק־פאפיר. וואס האט קוים שטאנדיק באלויכטן דעם טיש און די פאר מענטשן ארום. פון די בעטן, פון ביידע זייטן ביי דער טיר, האט זיך געהערט א שנארכן פון שווער־שלאפענדיקע. דודס מוטער איז געלעגן אין איין בעט און אין צווייטן דער פאטער מיט די צוויי ברידערלעך. זיי זענען פארטאגס צוריקגעקומען פון א דארף, פון וואו זיי האבן געברענגט טארבעס מעל און קארטאפל, און איצט ווי ס'וועט נאר ריכטיק נאכט ווערן וועלן זיי זיך אנטון אויף די לייבער די בלעכענע ביינקעס מיט בראנפן — זיי האבן זיך גוט אנגעגעסן, כאפן זיי כראפענדיק א שלאף, און ווייטער זיך לאזן אויפן דארף.

ביים טיש, ארום דער שיין פון לעמפל, זיצט וועוועשע מיט עפעס א יידל און שפילן א זעקס־און־זעכציק. דוד, האלב אריינקוקנדיק אין א בוך און מיטן אנדערן אויג הארכנדיק, צו א בלעכן געלענדער, וואס זעט אויס ווי א „גאלאגאנסקער האן", וואס ס'קאפעט אים פון דושוב ווי פון א נאז: „טראפ־טראפ, טראפ־טראפ", איז דערשראקן אויפגעשפרונגען און צו צו דער טיר. דערזעענדיק, אז איך בין עס, איז זיין פנים פול געווארן מיט פרייד: „מיר האבן שוין געמיינט, אז מ'האט דיך אויסגעכאפט. אבער וואס ביסטו אזוי צעקאכט? זעסט, דארט אונטערן טיש קאכט זיך עפעס, אבער מיר מוזן גאנץ



קאלט זיין . . . כ'זע דו האלטסט „די קליאטשע" אין דער האנט. האסט זי געלעזן?"

איך וויל אנהייבן צו ענטפערן, דערקענט וועוועשע מיין קול. ער הייבט זיך אויף פון טיש און וויל אנצינדן א פאפיראסל.

„וועוועשע, דא קאכט זיך שפירט אונטערן טיש, די גאנצע שטוב איז פול . . . לייג אוועק די שוועבעלעך!" האט דוד ווי א באפעל שטיל ארויסגערעדט און צוגעלייגט געמיטלעך אויף זיין שטייגער: „ווייסטו וואס, איצט נעם אים מיט און קום מיט אים מארגן. א גאנצן טאג איז קיינער נישטא, וועלן מיר אלץ אדורכשמועסן." האט ער גערעדט צו וועוועשען און געקוקט אויף מיר, זעענדיק מיין פארלוירנקייט: „יעצט וועט באלד ווערן א גראטשקע, א גערודער".

דאס יידל מיטן געשווירענעם בערדל איז אויך אויפגעשטאנען און א געשריי געגעבן צו די בעטן ווי אן אפיציר: „מארש, אויפגעשטאנען, עס איז די ריכטיקע צייט!"

וועוועשע האט מיך שנעל א נעם געטון אונטערן ארעם, ווי נישט צו זיין דא קיינעם אין וועג און איז ארויס מיט מיר, אבער מיך געפירט נישט צו דער ווארשעווער גאס צו, נאר ארויף ווייטער צום שאסיי צו:

„פארשטייסט, איך מוז מיך דרייען דא אפאר מינוט און זען צי ס'איז ריין' . . . קאנספיראציע! פארשטייסט? אזא ווערטל איז דא, וואו מ'דרייט זיך: קאנספי־ראצציע!" ער האט זיך צעלאכט, ווי דאס האלבע ווארט „ראצציע", אן אפגעשניטנס, וואלט זיך צעשאטן אין דער נאכט אריין מיט א טוץ צדיקן.

אז וואוטשע איז נישט צוריקגעקומען, האבן זיי געוואוסט, אז ס'איז „ריין" און דודס פאטער און מוטער און די צוויי ברידערלעך האבן זיך געלאזן אין דארף ארויס מיט די בלעכענע ביינקעס פול מיט בראנפן, כדי פארטאגס צוריקצוקומען מיט טארבעס מעל און קארטאפל. און דוד מיט דעם יידל האבן זיך גענומען פארען ביי די דעסטילירן־רערן, ביי די מאשינען אונטערן טיש, ביים בלעכענעם קעסל, זיצנדיק אויף א שפירטוס־קאכער.

אויב מיין ביסל נישט־סיסטעמאטישע ידיעות אין לערנען, מיין גירסא דינקותא, אזוי צו זאגן, פון די פאר התמדה אנפאלן אין מיינע יינגלשע יאר, האב איך מיינע ליטעראטור־„שטודיען" דורכגעמאכט אין אזעלכע לבנה־שפאצירן. ארויסקומענדיק ווייטער אויפן שאסיי, האט וועוועשע גענומען דעקלאמירן זיין באליבטן „מאניש". פאררייכערט ס'ציגארעטל, וואס ער האט נאך אלץ געהאלטן אין דער האנט און ארויסגעכאפט א בוך פון טאש: „זעסט דאס איז גאונות". ס'איז געווען פרצס „חסידיש". גענומען לייענען דערפון ביים ליכט פון דער לבנה.

איך בין געשטאנען ווי א לבנה־זיכטיקער און נאכגעגאנגען די ווערטער מיט פארגאפטע אויגן, זיי אנגעאטעמט אין מיר — כ'האב זיי תופס געווען . . .

איך האב אים געזאגט וואס דער טאטע האט מיר געזאגט: „גאונות איז נאך נישט אלץ, רחמנא לבא בעי".

איז ער אויפגעשפרונגען: „אט־אט, טאקע דאס. ער איז דאך דער גאון פון

ידישן הארץ . . . ניין, דאס בוך קאן איך דיר נישט געבן. כ'וועל עס דיר לייענען . . . מיר וועלן'ס צוזאם לערנען."

כ'בין אהיימגעקומען שפעט אין דער נאכט. כ'האב געמיינט, אז אלע וועלן שלאפן און איך וועל מיך מוזן אריינגנבענען דורך דער קיך צימעלע וואכט מסתם און וועט מיך שטיל אריינלאזן . . . דערווייל זענען די טירן־לאדנס אין גאס ארויס געווען אפן און ס'איז געווען ליכטיק אין שטוב. דער שפּיליטער, א געגאלטער מיט שפּיציקע וואנסעס און הארטן קאפּעליוש, איז געזעסן מיט טאטן ביים טיש און זיך געקאכט:

„מיר לעבן אין מלחמה־צייט; אויף ערלעכן וועג איז יעצט גארנישט; מ'גנבעט ביי דיר, מוזטו גנבענען ביי יענעם. נישטא יעצט קיין קערץ קוילן! ס'גייט אויפן קארב, אזויפיל און אזויפיל א קויבער".

דער טאטע האט געוואלט אריינווארפן א ווארט, האט יענער זיך געגעבן א דריי דעם וואנס און ווייטער גערעדט: „איבריקנס, ווייסט איר וואס אנדערע סוחרים טוען, אז זיי זאלן ארויס מיטן פדיון? זיי היטן אפ דעם וואגאן פון דער מינוט, ווען מ'שטעלט'ן צו אויף דער ראמפּע ביז מ'ליידיקט'ן אויס, און זיי באגלייטן די וועגענער אהיים — ס'איז מלחמה! א קאמף פארן שטיקל ברויט, אין גרויסן ווי אין קליינעם; ס'געמיינע פאלק וויל אויך לעבן" . . .

„יא, פאני דאווידסאן, איר זענט כשר גערעכט. בנפשו יביא לחמו", האט דער טאטע א זיפץ געטון, זיך דערמאנענדיק אין דעם ייד פון דער גארנצארסקער גאס, וואס א שייגעץ האט אים געגעבן מיט א שטיק קויל איבערן קאפּ און אים דערהרגעט אויפן ארט.

דער שפּיליטער, מיך דערזעענדיק, האט פריילעך אויסגערופן: „דאס איז דאך אייער זון, זאל ער מיטגיין מיט מיר. כ'וועל אים איבערגעבן דעם נומער פון וואגאן. אין דער פרי וועלן קומען די וועגענער און מיט איין שאס איז אלץ פיקס און פערטיק".

די מאמע, אריינברענגענדיק טיי, הערט אין וואס דא גייט. וויל זי שנעל אנידערשטעלן די טאץ, כדי זי זאל האבן פרייע הענט צו באשיצן „ס'קינד", זי וויל אויפשרייען . . .

„פּיש־פּיש־פּיש", האט ער זיך צעשריגן איבער דער מאמע, קוקנדיק פריילעך צו מיר: „ער וועט נישט זיין דער איינציקער אויפן מארק. געווירצמאנס בחורים זענען אויך דארט, און טשענסטאכאווסקיס זון שטייט שוין דארט פון פארנאכט אן.

די מאמע מאכט מיט די הענט ווי א קוואקע מיט די פליגל ווען זי וויל באשיצן אירע הינדעלעך, אבער פאן דאווידסאן לאזט זי נישט קומען צום ווארט:

„ליבע פרוי, מען ווייסט אלץ, אבער ס'איז מלחמה. יונגערע בחורים פון אים ליגן יעצט אין נאסע אקאפּעס און שיסן איינער דעם צווייטן. אזוי זענען מיר. און אלץ פארן שטיקל ברויט — עקאנאמיא!" האט ער זיך ביטער צעלאכט ווי איבער זיך אליין, ווי איבערן ארויסגעזאגטן ווארט: ע־קא־נאמ־יא.

מיך האט א מאדנע פרייד ארומגענומען, עפּעס ווי דאס וואלט געווען א



שאנס פון אלע שוועריקייטן אויף איינמאל פּטור צו ווערן . . . דאס וויינען פון טאטן ביי דער שמונה־עשרה, דאס טיף איינגעשניטענע קנייטשעלע ביי דער מאמען איבער איר אזוי נערוועז־באוועגלעכער נאז, וואס קוקט אזוי שארף ארויס צווישן אירע שיינע גרויסע אויגן, מיט אזויפיל אומעט איבער מיר! . . .

דער שטרענגער ייד מיט דער געגאלטער געמבע, דעם הארטן קאפּעליוש און דעם שווערן שטעקן צווישן די קני, און מיט דעם כסדרדיקן דרייען זיך די שפּיציקע וואנסעס, איז מיר דווקא געפאלן. און פון זיין קוק אויף מיר האב איך געזען, אז איך אויך אים. ער האט זיך געגעבן שנעל א שטעל אויף, א כאפּ ארויס געגעבן א גרויסן, זילבערנעם זייגער פונם וועסטל־קעשענע, וועלכן ער האט געטראגן אויף א ברייטער קייט איבער דער ברוינער, סאמעטענער וועסט.

דעם טאטנס אויפשטעלן זיך איז געווען פונקט אזוי שנעל, אבער מיט עפּעס א מין שאקל, ווי ער וואלט זיך אפּגעשאקלט פון עפּעס. ס'איז נישט געווען ווי קיין באשלוס, נאר ווי אראפּגעווארפן אן עול פון איין אקסל און אים אנגעלאדן אויפן אנדערן . . . „ווייסט איר וואס, פאני דאווידסאן, טובים שנים מן האחד. איך וועל אויך מיטגיין" און ביים זאגן „א גוטע נאכט" דער מאמען, איר צוגעווארפן א מין בעטנדיקן העלדישן בליק: דו זעסט דאך, נישט דיין קינד שיק איך אין פייער אריין, איך אליין גיי דאך אויך מיט — ס'איז מלחמה! פרנסה איז קריעת ים־סוף . . . מ'מוז אריינשפּרינגען אין ים אריין . . .

אויף דער ראמפּע האט געברענט, געקאכט, געזידט — עס האט געבריוועט! שפּיליטערן, מעקלערס, סוחרים, סוחרימלעך, יונגעלייטלעך מיט שטעקעלעך, כוח־גייערס, יונגען מיט שטעקענער.

די, וואס זענען געווען זוכה בגורל און האבן געהאט נומערן פון וואגאנען, און געווארט אומגעדולדיק מ'זאל זיי צעשטעלן אויף דער ליניע, האט מען דערקענט נישט נאר אין זייער אומגעדולד, נאר אין זייער גאנצן יום־טובדיקן אויסזען — די העלדן פון טאג! א האזארד־פייערל האט געברענט אין זייערע אויגן.

ארום זיי האבן זיך געדרייט, נישט נאר די יונגעלייטלעך מיט די שטעקעלעך, נאר עפּעס ניי־מאדנע מענטשעלעך מיט געהאקטע יובעצלעך, מיט געשפּיצטע בערדלעך, מיט שנעל־לויפנדיקע אייגעלעך צעברענט, צעגלאנצטע — די שפּאגל נייע, אויפגעקומענע פאבריקאנטלעך, די שפּעקולאנטלעך.

און חברה גנבים אונטער די וואגאנען, הינטער די וואגאנען, צווישן די וואגאנען. אט פינקלט אויף א ציגארעטל, א טשוויטשערדיקער פייף, אט שפּרינגט שוין איינער פון א וואגאן און פארשווינדט ווי א בליץ.

„כאפּט אים, גיט אים מיטן שטעקן איבערן קאפּ!" ווערט א געשריי.

אין די וואגאנען־ביידלעך זיצן שיקסעס און ווארטן־אפּ צו נעמען א פולן זאק און געבן א ליידיקן. פאר א שטיק קויל קאן א יונג טון מיט אזא נקבה וואס ער וויל, וואס זיין הארץ גלוסט זיך נאר . . . און ס'געפינען זיך טאקע בעלנים! און דעמאלט קאן איר שייגעץ בודק זיין דעם וואגאן און טאן וואס ער וויל . . .

א נייע וועלט איז מיר אין איין רגע אויפגעגאנגען! מיט טויזנט אויגן

האָב איך זי אין איין רגע תופס געווען. כ׳האָב זי דערפילט אין אַלע מיינע גלידער; זיי האָבן אויפגעצאַפּלט מיט אַזאַ פלאַמיקן שוידער! . . .

„פאַניע שטענצל“, איז דער שפּיליטער צוגעקומען מיט נומער פון וואַגאָן, ווי מיט אַ גרויס געווינס. און ביי דעם וואָרט „פאַניע“ מיר גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געגעבן אין פּלייצע — ניין, ס׳איז געווען אַ קלאַפּ ווי ער וואָלט מיך סומך געווען, געגעבן מיר סמיכה, געקלאַפּט מיך צום ריטער! — דאָ האָט איך די פּאַפּירן, דעם נומער פון וואַגאָן. „דאָרט אויף יענער ליניע וועט מען אים צושטעלן“. דער טאַטע האָט אויף מיר געגעבן אַ מין קוק, ווי איך וואָלט טאַקע אין דעם מאָמענט נשתנה צורה געוואָרן, אויסגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ העכער . . .

צוויי יידן, פון די שפּאָגל נייע, זעען אויס ווי שותפים, האַלטן זיך אין איין איבערלייגן, אין מישב זיין, אין קריגן זיך, לויפן צו דעם, צו יענעם. זיי שטייען שוין אַרום מיר: זייפן זידער זענען זיי, פאַבריקאַנטן. זיי מוזן האָבן ברען־מאַטעריאַל! ווען ס׳איז אין זייערע הענט, קאָנפיסקירן זיי דעם ערשטן בעסטן וואַגאָן קוילן . . . ווען זיי גייען נישט אַנגעטון אין די פיינע, גוט־אויפגעניייטע, געדאַקטע יוביצלעך, וואָלטן זיי שוין געוויזן ווי אַ האַלבער וואַגאָן קוילן קאָן פאַרשווינדן פאַר די אויגן מיט איין דריי . . .

זיי זענען שטיבל־יידן. זיי קענען דעם טאַטן און זיי הויבן אָן היימישלעך: „איר מוזט טאַקע האָבן דעם גאַנצן וואַגאָן? און אַז איר וועט אונז אָפּלאָזן איין וואָגן?“ פאַלט דער אַנדערער אַריין מיט אַ בעטנדיקן טאָן: „איר וועט אונז ממש ראַטעווען. ס׳מאַטעריאַל וועט קאַליע ווערן; ס׳וואַרטן אַרבעטער“.

מיטן טאַטן זענען זיי שוין פאַרטיק. ער זעט אויך איין, אַז זיי זענען כשר גערעכט. זיי האָבן אַ גערעכטע טענה. דאָך פילט ער ווי ער איז נישט מער דער גאַנצער בעל־דעה . . . ער קוקט מיך אָבער אָן, נישט ווי ער וויל זיך מיט מיר שואל עצה זיין, נאָר ווי אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט פאַר זיי.

דער ערשטער דערזעט דאָס באַלד און דער טאַטע עקזיסטירט שוין נישט פאַר אים, און ער טאַנצט שוין אַרום מיר: „מיר מוזן האָבן אַ וואָגן סחורה“.

איך רייס אים איבער: „אויב איר מוזט האָבן, מוזט איר באַצאָלן דעם פּרייז“.

דער טאַנץ הייבט זיך ערשט אָן: „גערעכט, מהיכא תיתי, אדרבא ואדרבא, איר רעדט דאָך טאַקע מעשה סוחר. מיר געבן אייך דעם פולן פּרייז ווי לאָחדים; דעם זעלבן פּרייז ווי אין סקלאַד; און מיט איין קלאַפּ, אָן שום קלאַפּאַט“.

דער אַנדערער, נאָך אויפגעלעבטער, פאַלט אַריין מיט קוראַזש, אַרויס־כאַפּנדיק שוין אַ נאַטיץ־ביכעלע מיט אַ בליישטיפט: „זכה לו. אַלזאָ, פינף און צוואַנציק קערץ מאַכט עס אויס“.

איך רייס דעם אַנדערן איבער אין דעם זעלבן קאַלטן טאָן ווי דעם ערשטן. איך דערקען אַליין נישט מיין קול: „ניין, איר וועט מוחל זיין, עס גייט היינט נישט אין קערץ, נאָר אין קאַשיקעס. פופציק קוובער, אַ וואָגן איז פופציק קוובער“.

„יונגערמאַן, איר זענט דאָך גאָר אַ רויבער“. עס איז געזאָגט געוואָרן



דווקא נישט בייז, נאָר פאַרוואונדערט: זע נאָר ביסט דאָך טאַקע משלנו! מיט אַ קוק צום טאַטן: „אייערס אַ זון? נישט זיך גערעכנט . . . דאָס וואַקסט דאָך אַ פּאַסקאַזש פּיערשע גילדע“ . . .

דער טאַטע האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט: אפנים איפּגעכאַפּט דאַווידסאָנס שמועס ביים טיש — תופס געווען! אָן איינפאַל פון אַ יונג . . . אין דער באָרד אָבער האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער שמייכל, ווי אַמאָל אין די טשעלאַדזשער צייטן: זע נאָר, אַ האַלטעק . . .

דער אַנדערער האָט זיך געהאַלטן ביים טאָן פון יושר: „יונגערמאַן, איר קוילעט דאָך אָן אַ מעסער!“

„ס׳איז מלחמה, ר׳ייד“, האָב איך אַ זאָג געטון סתם אין דער וועלט אַריין. איך בין שוין געווען פאַרטון מיטן זוכן דעם נומער אויף די וואַגאָנען. אויף דער ליניע זענען אַריינגעשטופּט געוואָרן אַ שורה פרישע וואַגאָנען, און פון דער ווייטן איז אָנגעלאָפן דאַווידסאָן, פאָכנדיק מיטן שטעקן, ווי אָנזאָגנדיק אַ גוטע בשורה . . .

די צוויי האָבן זיך פליננק אָנגעקוקט, ווי צוויי געהעצטע הינט, זוכנדיק אין וועלכער זייט צו אַנטרינען און פאַרשטייענדיק זיך אויפן וואונק, געוואָנדן צו מיר נישט צו פאַרפאַסן די רגע: „זכה לו, אָבער איר וועט אונז געבן צוויי וועגענער“.

„ניין,“ האָב איך אַ זאָג געטון, נישט נאָר מעשה סוחר, נאָר ווי דער פעטער יידע־פּייווול פלעגט עס, ווען ער האָט געהאַט ירושה־סכסוכים מיט דער מאַמען: „דער וואַגאָן סחורה איז נישט מיין, ער איז צוגעטיילט אונזערע געסלעך, וואו מיר וואוינען; און זיי מוזן אויך האָבן קוילן“. באַטאָנט דאָס וואָרט „מוזן“. אַ חוץ דעם איז דאָס פאַרל מיר נישט געפעלן: „איר זעט דאָך, אַז די גנבים דאָרט שטייען שוין גרייט . . . גיט דעם טאַטן דאָס געלט, און איר וועט זיך נעמען דעם ערשטן וואָגן. אַז איר וועט מאַכן לאַנגע שהיות, וועט איר דעם וואָגן אויך נישט האָבן“.

כ׳האָב מיך דערמאָנט אין דודס פאַבריקל, דעם בלעכענעם האָן אויפן טיש, וואָס טראַפט אים פון דער נאָז און וועוטשעס לאַכן מיט די צדיקן, און אויך געוואָלט ענדיקן מיט אַ מין לאַכן, ווי כ׳האָב מיטאַמאָל הינטער מיר אויס־ברעכן אַ געזונט געלעכטער:

„פאַניע שטענצעל, איר האָט געהערט לשון? אייער זון איז אַן אונזעריי־קער, אַ טשענסטאָכאָווער! ער האָט פיינט עוולות. ער פירט מלחמה מיט טאַק־טיקע, ער וועט געווינען!“ און אַרויסגעכאַפּט דעם גרויסן זילבערנעם זייגער פון דער וועסטל־קעשענע, „כ׳מוז לויפן!“ האָט ער נאָך צייט געהאַט די צווייטע האַנט מיר צו דערלאַנגען: „איר זעט, אַ נאַש בראַט, אַן אונזעריקער! איר וועט שוין האָבן קוילן פאַר אייערע געסלעך“. און איז אַנטלאָפן, פאָכנדיק, גוט־ברודע־ריש מיטן גראָבן שטעקן איבער דער פּלייצע.

דער טאַטע האָט געהאַט אַסך מיר צו זאָגן ווען ער איז אַרויס פון דער היים. דער גערודער אויף דער ראַמפּע האָט אים אינגאַנצן פאַרטשמעליעט. איך בין געשטאַנען מיט די פּאַפּירן אין דער האַנט, זוכנדיק אונזער נומער אויף די

אריינפארנדיקע וואגאנען. זיי, די גנבים, האבן עס לייכטער געהאט. זיי האבן געטשאטעוועס אויף יעדן בעסטן, זיך א כאפ ארויף צו געבן. איך האב דעם נומער דערזען און מיט איין שפרונג און איך בין א׳יך אויבן — זענען זיי אראפ!

מיר זענען אריין אין וואגאן־בודקעלע. איך בין געשטאנען אויסגעדרייט צום אפענעם פענסטערל און דער טאטע איז געזעסן מיט פנים אויסגעדרייט צו דער טיר און געמורמלט, ווי ער וואלט אויסנווייניק געלערנט אדער גערעדט צו זיך:

„מיר לעבן אין א צייט פון חטוף ואכול, חטוף ואכ׳ל, כי מחר נמות... און וואס מיינסטו איז א גוטע תפיסה? א גוטער כאפ!“ זיין קול ענדערט זיך: „כ׳זע, אז דו האסט שוין דיין גאנצע תפיסה דא אריינגעלייגט. ביי דער גמרא, אז מ׳גיט א שלעכטן דריי מיטן גראבן פינגער, קאן מען צוריקדרייען... דא קאן מען מיט א גוטן איינפאל אריינפאלן אין תפיסה“.

פון הינטערן וואגאן קריכט ארויס א שיקסע און ווינקט צו מיר דורכן פענסטערל. צוקומענדיק צו דער אפענער טיר און דערזעענדיק דעם ייד מיט דער בארד, האט זי אויסגעבראכן אין א געלעכטער און אנטלאפן.

„זעץ דיך אביסל אנידער און איך וועל שטיין און ארויסקוקן“.

„טאטע, אז די שקצים וועלן דיך דערזעען, וועלן זיי נישט לאכן, נאר צילנדיק א שטיין...“

עס האט אנגעהויבן צו טאגן. דער גרויער, פארויכערטער, מיאל־פארשטיבטער הימל האט זיך גענומען רויטלען. דער טאטע האט געגעבן א רייב א האנט אין פענסטערל און אנגעהויבן דאווענען פון פארנט, זאגן תהלים. איך בין געשטאנען אויסגעדרייט — און מיר האט עס שטיל מיטגעזונגען פסוק פאר פסוק, און עפעס א מין צער האט מיך ארומגענומען. איבער די שפרינגענדיקע שקצים אויף די וואגאנען, איבער דודס צוויי ברידערלעך, וואס שפאנען ערגעץ מיט טארבעס מעל, איבערן טאטן... איבער מיין לייב און לעבן!

דער הימל איז אלץ רויטלדיקער געווארן. פון אונטער א וואגאן האט זיך געהערט א שעפטשעדיק, קוויטשעדיק אויפלאכן, א ראנגלדיק סאפען. איך האב אינגאנצן איפגעציטערט פלאמיק אויפגעשוידערט...

דער טאטע האט געמוזט דערשפירן מיין איפציטער. ער האט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעדרייט צו מיר: „אזוי ווייט גייט די מלחמת־החיים, כ׳האב עס נישט געוואוסט. השם ישמרנו!“ און ווייטער אנגעהויבן צו זאגן די תהלים־פסוקים, אבער נאך טרויעריקער און אין זיך פארטיפטער.

3

דאווידסאן, ארויסכאפנדיק פון דער ברוינער, ברייטער וועסטל־טאש דעם גרויסן, זילבערנעם זייגער, א באמבלדיקן אויף דער קייט, אויסשרייענדיק „כ׳מח לויפן!“ צושאקלענדיק פון ווייטן, שוין צום צווייטן מאל, גוט־ברודעריש מיטן שווערן שטעקן, האט שנעל גענומען אײלן אין דער קאוויארניע אריין. אריבער דעם פושעיאזד, אריין אין דער באן־גאס, ארויף צו דער ערשטער אלייע צו, אין גרויסן ראג הויז; צוקומענדיק צו דער קאוויארניע, נאך אויף



דער אנדערער זייט, אויף דער זייט פאטשענע, האט אים ארומגעכאפט די גלאנציקע ליכטיקייט פון די שפיגלען און די צעשפיגלטע טישלעך, דער פוטער־ריח פון די פריש געבאקענע טשיאסטעס און באבקעס.

נישט איין הונגעריקער האט זיך איצט געדרייט דארט, שלינגענדיק דאס שפייכעץ צו זעטיקן זיך כאטש מיטן בלויזן, ווארעמען פוטער־גערוך — די קאווע האט די גאס פארשמעקט!

אין דער סאלידער, גוט־בירגערלעכער קאוויארניע, וואו די אינטעליגענץ, די קריסטלעכע, די יידישע, דאקטוירים, אדוואקאטן, אינזשעניערן, גימנאזיאללערער, די „אינטעלעקטואלן“ און „קינסטלער“ פון שטאט, אזוי צו זאגן, האבן געהאט זייער „ראנדעוואו“, האט שוין דאווידסאן זיין שטאם־טישל, מיט אפאר יוגנט־קאלעגן און גוטע ברידער, וואו זיי האבן זיך אלע נאכט געטראפן ביי א גלאז קאווע מיט סמעטענע און טשיאסטעס. מ׳האט געשמועסט, איפגעלעבט שטיל פון א וויץ, נישט איינמאל געשפילט פיר־הענטיק „א טוזנט“ און דאס אלץ איז באגלייט געווען פון „גוטער מוזיק“ פון א „קינסטלער“, וואס איז געזעסן ביים קלאוויר — די באלויכטונג איז אויך געווען א שטילע, דיסקרעט, צוגעפאסט צו דער שטימונג.

יא, אויך אין דער קאוויארניע האט מען איצט דערקענט, אז ס׳איז מלחמה! א גאנץ אנדערער מין געסט, איפגעריסענע, שרייערישע, אויך דאס ליכט פראציק, גרעל־איפשרייעריש און ביים קלאוויר דער „קינצלער“ קלאפט אין קלאוויר איין מלחמה־מארש נאכן צווייטן, צעזעצט צו ווערן!

דא און דארט האט מען נאך געהערט א „יאשניע וויעלמאזשני“, דאס שווישטשענדיקע פוילישע רעדן פון א פאננע, אבער ארום און ארום האט געקלונגען „דאס שביידיקע“ דייטש פון אפיצירן מיט קלינגענדיקע שווערדן, דאס צוזאמענקלאפן פון געשפארנטע שטיוול ביים באגריסן זיך: „מיינע הערשאפטן“. דאס געשיר האט געקלונגען זילבערדיק, זולל־וסובאדיק — די קאוויארניע איז איצינד געווען דער טרעפפונקט פון כלערליי מאבערס, פאדרייטשיקעס, ליוועראנטן; דער ראנדעוואו פון „דאמען פון דער בעסערער געזעלשאפט“, פון אפיצירן מיט „זייערע פריילינס“ פארן אפפארן צום פראנט, פון סוחרים און פאבריקאנטן מיט שטאב־אפיצירן...

ווען אין די געסלעך ארום, אין די יידישע, צו דער הארטע אראפ, אין די גריאישע — ארום דער פאבריטשנע, האט מען זיך שוין געקארטשעט אין די פארלייזטע בעטן פון קעלט און פון הונגער, אנגעפילט די פינסטערע שטובן מיט הוסטנדיק געסאפע, מיט כראקעדיק געשנארך, האט דאס פריילעכע נאכטלעבן זיך ערשט אנגעהויבן — פארשווענדעריש און אויסגעלאסן געפייערט מלחמה־נצחונות און אונטערגעשריבן געשעפט־קאנטראקטן.

אז דאווידסאן האט זיך שנעל אריינגעכאפט אין דער ליבער ווארעמקייט, ארומגעכאפט פון דעם פריילעכן געקלאנג און דעם פייערלעכן גערויש, האט ער פון דער ווייטן, אין דעם ציגארן און ציגארעטן־רויך, ווי דורך א טוליענער פארהאנג, דערזען זיין שטאם־טישל הינטן אין ווינקל און גיך זיך אדורכגעדרייט צווישן די רוישיקע טישלעך און בענקלעך — צווישן די קאלעגן איז

אויך געווען שלאמעק, דעם פעטער יעקב מאירס זון.

נאך דער טראגעדיע, וועלכע מ׳האט געהאלטן בסוד־סודות, איז שלאמעקס לעבן צעבראכן געווארן, זיך אפגעלאזט, אויפגעגעבן די פראפעסיע. ביי־טאג פלעגט ער אפזיצן שעהן־ביי דער מומע גיטל אין גאלאנטעריע־געוועלב אין דער קאזשיע גאס, ביים פעטער ראובן אבאס טאכטער אין שיך־געשעפט אין דער ערשטער אליע, ביי שלמה פייגנבוימען, ביי גיטלער. ביינאכט האט ער זיך צוגעלאנטשעט צו דעם שטאם־טיש פון די שול־קאלעגן אין דער קאוויארניע, וואס איז טאקע געווען אין פייגנבוימס־גיטלערס הויז. כדי זיין טראגעדיע נאך מער צו פארדעקן, איז ער צווישן די גוטע־ברידער געווען דער לוסטיקסטער, דער וויציקסטער.

מיך זעענדיק איינמאל ביי דער מומע גיטל אין געוועלב, האט ער זיך גארנישט גענוג געקענט אפלאכן איבער מיינע פייקעלעך און „זשידאווסקע זשיביצע“.

סוחרים פון אלטן מארק פלעגן וויסן ווען זיי וועלן אים דא טרעפן, צו קריגן פון אים א זשירע אויף א וועקסעלע, א גמילת־חסדל א קאנטע אין באנק — שליאמעק, ר׳שלמה דיינס איניקל, איז נאך דער טראגעדיע געווארן אן אייגענער אין יידישן געסל — אבער צו דעם אלעם האט ער געמוזט צולייגן א וויצל, א געלעכטערל, אויף דער קאנטע פון יידישקייט. און אויב ס׳איז געווען א יינג־ווייבל, וואס איז געקומען נאך דער זשירע אויפן וועקסל, האט זי ארייננגעכאפט א קניפ אין בענקל.

טשענסטאכאוו, די קאטוילישע הייליקע שטאט האט מחייב געווען צו זיין רעליגיעז. האבן זיך די „דייטשן“, די גאנצע אסימילאטארן און האלבע משומדים, די „גרויס בורזשואזיע“, אזוי צו זאגן, אויסגעבויט א „דייטשע שול“ אויף די אפענע וואלעס, מיט א שטאלצן פראנט אויף מארמאר־זיילן, א געפלאסטער פון ברייטע טרעפ — אן אויסבליק איבער די לויפנדיקע צוגן, איבער דער בריק און איבער אלע אלייען. עס איז נישט די אלטע מרה־שחורהדיקע שול טיף צו דער זשיקע אראפ, צו דער מקווה, צום שחט־הויז — טשענסטאכאווער אסימילאציע האט געפירט שטאט! געהאט טראדיציע...

אין די שבתים, אין די ימים־טובים, אין די ימים־נוראים די ארכיטעקטאנישאויסגעבויטע שול מיט גיבלען, מיט נישעס, אן אופגעלויכטענע פון מנורות, קאנדעלאברעס, פון די גאלד און זילבערנע עטרות, א צעגלאנצטע פון די זייענע צילינדער היטן, קאפ ביי קאפ, פון די מעשענע, קנעפ און שליפעס פון נאטשאלסטווע, די מוזיק־ליבנדיקע קריסטלעכע אינטעליגענץ —

אויבן דער גוט־געשולטער כאר מיטן דיריגענט און ביים עמוד דער קאנטאר־קינצלער—, דער וועלט־בארימטער קאמפאזיטאר.

און אט דער „חזן־הגדול“, האט ער געפירט א שטילע, געהיימע ליבע? האט ער געשפילט א פלירט? ציט עס זיך נאך פון זיין לאדזשער צייט, ווען ער האט געחלומט, נישט פון א גרויס חזנות, נאר פון גרויסע קאמפאזיציעס? און אפשר איז די גאנצע חזנות־שטעל אין טשענסטאכאוו וואס ער, דער קאמפאזיטאר, האט זיך צו איר „אראפגעלאזט“ איז געווען דעם פאבריקאנטס שיינע



טאכטער, זיין טאלענטירטע שילערין, וואס איז געווארן א טשענסטאכאווער שנור? פלאטאניש, כלהדיק־פארשלייערט?

אזוי צי אזוי, אין איין שיינעם יום־טוב טאג, אין יאר פאר דער מלחמה, האט שלאמעק, ארויפקוקנדיק צו זיין עלעגאנט־אויסגעפוצטער, שיינער פרוי אין דער ווייבער שול — אן אפענע גאלעריע, אן פענסטערלעך, אן צווימען, אן פארהענגלעך אפילו, — בשעת דער כאר האט אויסגעפירט דעם חזנס א נייגעשאפענע קאמפאזיציע און דערזען איר פלירט מיטן חזן. ביים צווייטן מאל ארויפקוקן, זיך צו איבערצייגן, האט די פרוי פלינק הערכאפט זיין בליק, אבער ער האט נאך דערזען דעם נאריש־דערשראקענעם קוק פונם בלאס געווארענעם חזן. איז עס חשד, איפערזוכט?... קוים נאך געקענט איינזיצן!

ארויסקומענדיק אויף די ברייטע טרעפעס נאכן דאווענען און ווי אלעמאל געזוכט זיין פרוי צווישן די ווארטנדיקע און זי נישט דערזען, האט ער זיינע צוויי זין, די גימנאזיסטן, געהייסן ארויפגיין צום זיידן זאגן „גוט יום־טוב“ און ער איז אין איין שרעק, שנעל צו זיך אין דער וואוינונג אהיימגעלאפן. אויפן וועג איז נאך מער צעמישט געווארן: דער פיפיקער שווער האט עס געמוזט וויסן... די גאס הייזער, וואס ער האט אים נאך צום גרויסן נדן צוגעלייגט... זיין באשעפטיקט אין זיין טוך־פאבריק אין לאדזש ווי א כעמיקער־אינזשעניר... ער האט געשפירט, אז א היץ איז אים באפאלן. א צעמישטער האט ער נאך שנעל אנגעהויבן צו שפאנען.

אהיימגעקומען, האט ער זי געפונען אין שלאף־שטוב אן אויפגעהאנגענע!

מ׳האט דעם חזן שוין מער נישט געזען, ער שוין נישט געדאווענט פארן עמוד. עס האט געהייסן, אז מ׳האט אים יום־טוב ביינאכט געטראפן עסן אין א קריסטלעכן רעסטאראן... אז גייענדיק אין שול אריין איז אים אקעגנגעקומען א פאגזשעב און ער האט אראפגענומען ס׳היטל...

חסידים, פרומע בעלי־בתים פון דער אלטער שול האבן זיך געקלאפט די ביי־כלעך, „וואס דען, א מופקר, א הפקר־יונג, א ,קאנטאר׳“... די „דייטשן“ האבן געזאגט: „מיר זענען טאקע דייטשן, אבער א חזן איז א דוכאווני“...

שליאמעק האט באהאלטן זיין טראגעדיע, זיין טיפן צער אונטער טויזנט שלייערס. צומארגנס נאך דער שטילער לוויה, איז ער מיט די קינדער אוועק קיין אויסלאנד, זיי איבערגעלאזן דארט אין זיכערע הענט און אהיימגעקומען א געבראכענער. האט ער זיך געזוכט צו ראטעווען אין איינזאמקייט צווישן דער משפחה, אין דער גוטסקייט פון דער מומע גיטל, אין דער ווארעמקייט פון פעטער ראובן אבא, אין שמועסן, אין נארעצן, אין וויצלען זיך איבערן טאג און אין די נעכט פארברענגען ביים שטאם־טישל מיט יוגנט־קאלעגן.

די מלחמה האט אינגאנצן געמאכט פון אים א תל! ווען ער האט די זין אוועקגעפירט קיין אויסלאנד, האט ער זיי געלאזן אין לייזשער אוניווערזיטעט; אין זעלבן אוניווערזיטעט, וואו ער האט שטודירט; זיי איינקווארטירט אין זעלבן פאנסיאן, וואו ער האט געלעבט און איז געווען זיכער, אז די קינדער זענען פארזארגט און מען וועט אויף זיי אכטונג געבן אויף א בעל־הביתישן אופן. און דא — פלוצלינג א מלחמה!

מילא, ער האט געוואוסט, אז מ׳וועט זיי דארט האלטן. ס׳וועט זיי קיין עוולה נישט געשעען. ער האט אויך באלד גענומען באזארגן אלץ מיט אויסלענדישע בענק דורך דער שווייץ, דורכן רויטן־קרייץ. אבער פלוצלינג די ידיעה, אז די דייטשן זענען מערדערלעך באפאלן בעלגיען, געהרגעט אומשולדיקע מענטשן אין די גאסן, פארטריבן די סטודענטן פון די אוניווערזיטעטן — צעשטערט די גאנצע מדינה, א תוהו־ובוהו, א מהומה — עס האט פון אים איינגאנצן א תל געמאכט! וואס ער האט דאך נאך איניקע וואכן געוואוויער געווארן איז, אז איין זון האט זיך געראטעוועט קיין לאנדאן און איינער קיין האלאנד.

ווי גייט דאס גויאישע ווערטל: „ביז דער פעטער מאגערט אפ, ליגט דער מאגערער שוין אין גרוב“. אז ס׳גייט שלעכט דעם ארעמאן, לעקט דער רייכער אויך נישט קיין האניק.

דער רייכער פעטער יעקב מאיר, דעם טאטנס עלטסטער ברודער, איז טאקע נאך אלץ געווען ווער ער איז געווען, אבער איין שווערער קלאפ נאכן אנדערן, די טראגעדיע: „די געהאנגענע אין דער משפחה“ . . . די מלחמה איצט וואס האט אלע זיינע פארבינדונגען מיט פעטערבורג, — וואו ער איז געווען איינער פון די דירעקטארן פון דער פארזיכערונגס־געזעלשאפט! — צעשטערט; האבן דעם ראש פון דער געזעלשאפט אין דער פוילישער אפטיילונג, וואו ער האט רעגירט איבער א האלבן יארהונדערט, געמאכט פאר אן אלטן יידן, — ער איז שוין געווען ווייט איבער די אכציק, — פאר אן עובר בטל! ווי לאנג די גרויסע מאשין האט געקלאפט די ביוראס איבער גאנץ פוילן האבן געארבעט, האט ער געקעניגט, איז דער שפיץ געווארן אפגעהאקט . . .

ער איז נישט מער געווען דער ראש פון דער שטענצעל־משפחה, וואס האט יעדן געהאט אויפן קאפ! וולאדיסלאוו, דער עלטסטער זון, וואס איז געווען מער „רעליגיעז“ ווי דער פאטער, איז געזעסן יעדן שבת אויף דער מזרח־וואנט אין דער „דייטשער שול“. ער איז געווארן „אפיציעל“ דער דירעקטאר און געפירט ווייטער די פארבינדונגען דורך אויסלענדישע בענק, מיט דער משפחה אבער האט ער שוין ווייניקער שייכות געהאט, ר׳איז בכלל געווען א מרוק.

„די שוועסטער“ — וואס איז מיטגעקומען פון ברעסלויער שפיטאל מיט דער טויט־קראנקער מומע, וועמען זי האט געזאלט פלעגן ביז זי וועט אויסגיין, ווייל זי האט געוואלט שטארבן אויף איר אייגן בעט נישט צווישן צלמים . . . נאכן טויט פון דער מומע איז „די שוועסטער“ געווארן די „פלגש פונם אלטן בעל־עבירה“, — איז שוין איצט געווען זיין „סוכנת“, זיין פלעגערין . . .

די קראנקן־פלעגערין, „די שוועסטער“, איז ארומגעגאנגען ארום אים ווי א מאמע, ווי אן אם ארום א זייגעדיקס. א גאנצן טאג איז ער געזעסן איינגעפאקט אין פאטער־שטול און זי האט אים אונטערגעטראגן דעם קאפע מיט קוכן, די גוטע יאכלעך, „די ליפיצלעך“; אלע ווייל אים אונטערגערוקט דאס פיסנבענקעלע און אים געזוכט אויפצוהייטערן מיט א וויצל, מיט א גלעכטערל. אים פארגעלייענט פון דאמען־זשורנאל, וואס זי האט באקומען פון ברעסלוי.

ביינאכט האט זי אים אריינגעפאקט אין בעט אריין, ארומגעלייגט מיט יאשעקלעך, מיט ווארעמפלאשן, אנגעצונדן אין שלאף־שטוב דעם גרין־בלויען



„לאמפיאן“, אן אויסגעמאלטער מיט נאקעטע מלאכים, און געזעסן ביים בעט ביז ער איז איינגעשלאפן. און ווען שליאמעק איז צוריקגעקומען פון „וואנדערונגען איבער דער וועלט“, איז זי שוין געשטאנען אן אויסגעסטראיעטע, א פארפומירטע ביים שפיגל, גרייט צו גיין מיט אים אין דער קאוויארניע אריין צום שטאם־טישל.

עס האט נאך געמוזט דויערן א ביסעלע. שליאמעק, וועמען די טראגעדיע האט צוריקאריינגעברענגט אין דער ווארעמער שויס פון דער משפחה, האט מיט זיין גאנצער ציניזשקייט אנגעהויבן צוריקצובאקומען זיין גזעדיקע משפחה־יידישלעכע צורה; די וואקסנדיקע גלאצע אין לעצטן יאר מיט די צעריסענע קנייטשן האט גענומען אויסזען ווי א געפאלדעוועטער תלמיד חכם־שטערן. ווען ער איז געזעסן ביי דער טאשעוואניע ביי דער מומע גיטל אין געוועלב, די געגאלטע, קיילעכדיקע מארדע אין די הענט, און מיט די בליצנדיקע אויגן געזאגט א וויץ, האט מען זיך לייכט געקענט טועה זיין, אז ס׳איז דער טאטע און ס׳פאלט אים איין א גוטע המצאה . . .

האט עס געמוזט נעמען אביסל! שטיין געבליבן ביי איר בודואר־טישל, מיט אירע קעמלעך און בערשטלעך, מיט איר פארפיום און פודער, פארקעמט מיט די פאר האר, וואס זענען געבליבן ארום דער גלאצע, דעם תלמיד חכם־שטערן, אויסגעגלעט דאס גזעדיקע משפחה־פנים, און אגיל ואשמחהדיק, ווי קיילעכדיק ער איז געווען, געלאזט זיך א פריילעכער, א וויצלדיקער אין דער קאווירניע אריין, וואס איז סך־הכל געווען אקעגנאיבער ראג־הויז, אין דער ערשטער אליע, דירעקט ביי דער באן־בריק.

ביים שטאם־טישל האבן זיי שוין אפגעווארט די קאלעגן, די גוטע ברידער, יוגנט־חברים נאך פון די שקאלעס, פון אוניווערזיטעטן, פון אמאליקע שטורמישע צייטן; איינער איז אפילו געווען אויף „וואסילקע“, שיער נישט אריינגעפאלן אין סיביר, ווען נישט זיין רייכער טאטע, דער „בורזשוי“ . . .

צו אט דעם טישל האט דאס געאיילט דער שפיליטער דאווידסאן און טאקע די „שוועסטער“, צו וועלכער דער אלטער בחור האט זיך געהאט צוגעשארט, איז דאס געווארן דאס „פריילין“, דער שתדלן זיינער ביים שטאב־אפיציר, אז אויב ס׳איז נאר אנגעקומען א פאטשאנג קוילן, האט מען דעם שפיליטער דאווידסאן צוגעטיילט איניקע וואגאנען.

אין די געסלעך ארום האט מען שוין געוואוסט, אז ס׳וועט היינט זיין קוילן אין דער ווארשעווער גאס, אין סקלאד ביי דער ראגאטקע, ווי א בשורה איז עס געגאנגען פון מויל צו מויל. און פון פארטאג אן זענען שוין ווייבער און קינדער געשטאנען ביים טויער מיט זעקלעך, מיט עמערס און די, וואס האבן זיך געוואלט פארזיכערן א „קערץ“, זענען אריינגעקומען הינטן ארום: „נאטירלעך וועלן מיר באצאלן וויפל ס׳קאסט“ . . .

ווען איך בין אנגעקומען מיט די פיר וועגענער, גרויסע, פולע — אז אויפן וועג האט מען קיין איין שטיק נישט אראפגעכאפט, און אז די פורמאנעס האבן זיי געוואלט „צעשארן“, האב איך עס שנעל אויפגעכאפט און צוריקארויפגעווארפן — האט מיין קאפ, פייערדיק „געארבעט“ און געגעבן א „פריקאז“

נישט אריינפארן דורכן טויער אין גאס, נאר אלע פיר וועגענער זאלן אריינפארן אויפן הויף, און הינטן ארום אריינפארן . . . דער עולם האט א בייזן ברום געטון און איינער האט לאכנדיק אויסגעשריגן: „איר ווילט אלע פיר וועגענער לייגן אונטער דער טאשעוואניע? . . . ס'וועט נישט ארונטער“ . . .

איינער איז אבער יא ארונטער! בשעת מ'האט די אנדערע דריי וועגענער אריינגעפירט און זיי אויסגעלעערט, האב איך שוין געהאט דעם ערשטן גוט מכסה געווען מיטן רעשט פון געבליבענעם מיאל־אוצר „ולא נודע כי באו אל קרבנה“.

די וואג האב איך צוגעשלעפט צום טויער פון דער גאס, די קאשיקעס אויסגעשטעלט ביים טויער צום הויף ארויס און געזאגט דעם קוילן־טרעגער, אז עס גייט פער קויש. אפגעשיט און גענומען אויף דער פלייצע און־געגאנגען!

ווען מ'האט געעפנט די טויערן אין גאס ארויס, אז די ליידיקע וועגענער זאלן ארויספארן, איז די גרויסע קופע קוילן — די דריי וועגענער! — באפאלן געווארן ווי פון א היישעריק. פון אלע זייטן איז מען אריין, פון אונטער די רעדער, צווישן די פיס פון די פערד. דאס גערויש, דאס געקלאפ, דאס געשריי — דאס ארייַנשיטן פונם „קוילן־גוי“ אין די קערב, דאס געקלאפ אין די שיסלען, אין די עמערס!

הינטן, ביים טויער צום הויף ארויס, איז די מאמע געשטאנען, און די קוילן טרעגערס מיט די רייכע בעלי־בתים, וואס האבן געקויפט צו א קערץ, צו צוויי, זענען געגאנגען דורכן הויף און דער עולם, הא פארנט, האט זיך געלאזט וואוילגיין, ווי אין קוילן־שאכט אויף א „הארדע“ זענען זיי ארומגעקראכן, אויסגעקליבן זיך די גלאנצנדיקסטע, די „קרישטאלע“ שטיקער — ביי דער זייט בין איך געשטאנען מיט צימעלען. איך האב געוואויגן — צען פונט, צוואנציק פונט! — און צימעלע האט גענומען דאס געלט.

כ'האב זיי דערקענט, די צוויי ברידערלעך, דודס צוויי ברידערלעך מיט די קרומע פיסלעך, וואס ביינאכט זענען זיי געלאפן אין הארף אריין מיט ביינקעס בראנפן און פארטאגס צוריקגעקומען מיט זעקלעך קארטאפל.

אין די זעלבע זעקלעך, מסתם, האבן איך אנגעוואויגן יעדן צו צוואנציק פונט! א רגע בין איך געבליבן שטיין ביי דעם ציגל פון דער גרויסער וואג און נאכגעקוקט די צוויי אויסגעדארטע יינגלעך, מיט די זעקלעך אויף די פלייצעס, ווי זיי גייען ארויס דורכן טויער אויף די אויסגעבויגענע פיסלעך — א שרעק האט מיך ארומגענומען! אזא ליבשאפט צו דודן, וואס, וואס וואלט פון זיי געווארן, ווען נישט ער? און פון די קראנקע טאטע מאמע?

נאך א שעה אנדערהאלבן איז שוין קיין לעק נישט געווען פון די קוילן. אסתר איז נאך ארויסגעקומען און אריינגעכאפט א צוויי־דריי עמער, אז ס'זאל זיין פאר אונז.

מיר זענען אלע אריינגעגאנגען אין קיך אריין. צימעלע האט די טארבע לייזעכטס אויסגעשיט אויפן טיש. דער טאטע האט גענומען אויפשטעלן קופקעלעך געלט, כ'האב געזען די הנאה אויף זיין פנים ווי זי קייקלט זיך אריין מיט די אלע פייעמס און צענערס און זילבערנע גילדנס אין דער ברייטער־צעש־



מייכלטער בארד אריין . . . כ'האב אויסגעדרייט דעם קאפ און דערזען די מאמע ביי דער צווייטער זייט טיש גלייך גלעטנדיק דאס פאפירן געלט . . . כ'האב עפעס געמוזט זאגן: „כ'גלויב אז צו דעם וואגן־קוילן האט מען נישט צוגעלייגט“. כ'בין אראפ מיט די טרעפלעך אין שטוב אריין, גענומען די תפילין און ארויפגעשריגן אין קיך אריין: „איך גיי אין שטיבל דאווענען“. און ארויס דורך דער שויבן־טיר אין גאס ארויס. פון שטוב אוועק . . . פון מיר אוועק . . .

איך בין נישט געגאנגען אין שטיבל אריין. כ'האב מיך געלאזט דורך דער ראגאטקע צום שאסיי ארויף, אהין צו דודלען, צו דוד ריכטער.

טויזנט שאלות, טויזנט קשיות האבן זיך אין מיר אויפגעוועקט. די היינטיקע נאכט, דעם היינטיקן פרימארגן. כ'האב געוואוסט דער טאטע וועט זיי מיר נישט קענען ענטפערן . . . זיי זיינען צו שווער . . .

אבער א תירוץ מוז דאך זיין! יעדע קשיא האט דאך איר תירוץ! . . . עמיצער מוז דאך האבן א תשובה אויף די אלע הארבע שאלות . . .

אפשר וואוטשע מיט זיין פראגרעס־פאפיראסל, וואס לאזט ארויס אזעלכע קייַלעכדיקע ווערטער, וואס מ'מוז זיי נאכקוקן ווי די רויך־רעדעלעך פון זיין ציענדיקן ציגארעטל. אפשר דודס מיושבדיקייט, זיין שטילע גוטסקייט, זיין גלעטנדיקער בליק פון די אויגן — ווי זיי קאנען מיר גארנישט ארויס פון קאפ זיינע צוויי ברידערלעך . . .

ווען כ'בין אריין, איז וואוטשע געזעסן מיטן יידל מיטן געשוירענעם בערדל ביי א „זעקס און זעכציק“. דוד, אויפשפרינגענדיק פונם בענקל, מיך דערזעענדיק, האט זיך מיט מיר דערפריידט ווי מיט א ברודער, און זיינע עלטערן האבן מיר גארנישט גענוג געקענט אפדאנקען פאר די קוילן.

„אייערע קינדערלעך האבן דאך באצאלט“. כ'האב זיי דערזעען, ביידע זענען געשטאנען ביים טיש, ביי איין אפן בוך. דוד האט מיט זיי אפנים געלערנט. ס'איז געווען א נישט־יידיש ביכל. זיי האבן מיך ביידע מיט איין פריילעכן בליק אנגעקוקט; ניין, ס'איז נישט געווען ווייל דוד וועט דורך מיין אריינקומען איבעררייסן דאס לערנען מיט זיי. ס'איז געווען ווייל זיי האבן אהיימגעברענגט די צוויי זעקלעך קוילן.

„און אז מ'באצאלט, קריגט מען דען?“ האט די מוטער געזאגט. זיי האבן מיך נאך אלץ אזוי פריילעך אנגעקוקט, ווי די מוטער וואלט די ווערטער פון זייערע מיילעכלעך ארויסגענומען.

דוד האט אנגעהויבן, און ס'איז געווען ווי ווייטער ציען דער מוטערס רייד; ווי פארטייטשן מיט ווערטער דעם בליק פון די צוויי ברידערלעך; ווי א תירוץ אויף אלע מיינע קשיות.

„זעסט, פון דעם תוהו ובהו וועט עפעס געשאפן ווערן! . . . די ריכטיקע מענטשן וועלן צו דער ריכטיקער צייט זיך באווייזן. דו ווייסט מצוות עשה שזמן גרמה, אלץ באשאפט דער מאמענט! די שפעקולאנטן, די מאכערס, די איצטיקע שעה האט זיי באשאפן. דער מאמענט ענדערט דעם מענטש . . .

„דו וועסט אויך אנדערש ווערן! פארשטייסט, אלץ איז די אבילה, ס'ביסל עסן, ס'מאכט דערפינדעריש — א מויז אנטדעקט דאס לאך, וואו זי מוז עפעס

געפינען! מ׳וועט א רוצח פארן ביסל עסן, מ׳וועט א הייליקער . . . עקאנא־מיע! פארשטייסט?“ די חיה וואכט אויף אין אונז, ווען מען הונגערט . . .

„וואס האקסטו אים א טשייניק?“ כאפט זיך וואווטשע אויף און ווארפט מיט כעס אוועק די קארטן.

„איר וועט אויסשפילן דעם קאן!“ שרייט דאס יידל: „איך האב פיר שטיק־לעך! טרומף“.

„זעסט“, לאכט דוד געמיטלעך, „דו ווילסט אויך אויסנוצן דעם מאמענט“...

„גלויב מיר, אז אין דעם איינעם לידל נאמבערגס, ,כא־כא, אוי, אוי,׳ איז דא מער פילאזאפיע ווי אין דעם גאנצן געלייענעכטס . . . אלנפאלס מער עקנא־מיע ווי אין דעם גאנצן דיקן בוך, „ענטפערט ער אים, אנווייזנדיק אויף א דיק בוך, וואס ליגט אויפן טיש: „א לידעלע, אפאר שורות, און וויפל חכמה, וויפל אמת . . . הפך בה הפך בה דכולה בה“.

א סוף צו מאכן צום סכסוך, איז דוד ארויס „מיט דער לאפאטע . . . שטייט דיין טאטע“ . . . און אלע אין שטוב האבן באגלייט אין כאר. די שטוב איז פול געווארן מיט געזאנג.

איך בין שטיין געבליבן א פארטויבטער, אן אנגעצונדענער. געכאפט א ווארט דא, דארט, א טאן און מיטגעזונגען.

„זעסט, דאס איז די נבואה פון אונזערע טעג... די אקאפעס, די שיצן־גרובן זענען נישט נאר דער קבר פונם צער . . . ווילהעלם וועט אויך באגראבן ווערן! דער פראלעטאריאט...“ הייבט דוד ווידער אן.

„דער פאעט איז דער שליח־ציבור פון די מאסן — דאס ליד צינדט, עס צעפלאמט די הערצער“. וויל וועוטשע טרומפירן און לאזט נישט אפ.

„אונזערע פאעטן זענען נישט קיין אויסנאם . . . אין אלע לענדער זינגט מען אזעלכע לידער . . . איצט, אז דער ארבעטער האט די ביקס אין דער האנט, וועט ער וויסן וואו צו צילן“.

„וואס מאכסטו קאליע דאס ליד? ס׳איז א וואונדערלעך ליד, און דו פאלסט אריין מיט פראלעטאריאט . . . אלץ מאכסטו קאליע . . . כ׳מוז רייכערן א פאפי־ראסל . . . כ׳שטארב!“ און מיך נעמענדיק אונטערן ארעם, איז ער מיט מיר ארויס.

„זעסט, ווען נישט דאס פאפיראסל, וואלט איך אויסגעגאנגען . . . כ׳בין נאך אויפן ניכטערן מאגן“. כ׳קוק אים אן, ער זעט אויס פארהונגערט.

„אז דער טאטע שאכט שוין נישט חדשים . . . ער געהער נישט צו די שוח־טימלעך וואס לויפן מיט חלף׳ל אויף די דערפער“.

פון דעם לייזעכטס, פון געזשאב הײנט איז מיר אין טאש אויך געבליבן אביסל קליינגעלט. פארבייגייענדיק פארן בעקער אויף דער ראגאטקע, האב איך דערשפירט א גליענדיקן הונגער. כ׳בין אריין, געקויפט א לאנג ראזעוואטע ברויטל. מיר זענען ארויס אויפן פעלד און געבראכן שטיקער דערפון און געגעסן: „חטוף ואכול, חטוף ואכול כי מחר נמות“ . . . ס׳איז מלחמה.

נישט געוואשן, נישט המוציא געמאכט, און געדאוונט האב איך אויך נישט געהאט — אין איין טאג איז אלץ געשעען! די הפקרות איז געלעגן אין



דער לופט. אלע צוימען זיינען איינגעבראכן, אלע גרענעצן — מלחמה!

די היינטיקע נאכט, דער פרימארגן, דאס געזאנג ביי דודן אין שטוב, דודס „תשובה“ אויף אלע מיינע שאלות און קשיות האט מיך אין איין טאג געמאכט פאר אן אנדערן — אן אנדערער מענטש מיט אנדערע מחשבות, מיט אנדערע כחות; יא, דאס ברעכן דאס ברויטל ברידערלעך מיט וואווטשען אויפן פרייען פעלד, דאס רייסן שטיקער און עסן מיט א מין זולל־וסובאדיקער תאווה האבן מיר געגעבן אנדערע כחות — „אלץ באשאפט דער מאמענט“! יא, דוד איז גע־רעכט: איך שפיר, אז כ׳בין אנדערש געווארן — כ׳ציטער אויף: אן „אחר“!

אהיימקומענדיק, האב איך שטיל אריינגעלייגט די תפילין אין שויבן־שענקל. קיינער איז נישט געווען אין דער היים. ציטמעלע אז געשטאנען ביים איוון און געקאכט ס׳מיטאג: „איך וועל שוין עסן צוזאם מיטן מיטאג־עסן“ און מיך אנידערגעזעצט ביים „זיידנס טישל“, וואס איז געשטאנען צווישן די שווארצע ספרים־שאנק און דעם קאפל־איוון און ארויסגענומען דאס דינע ביכל, וואס וואווטשע האט מיר געגעבן, שוין שטייענדיק מיט מיר ביי אונזער טיר — עס איז געווען הערש דוד נאמבערגס דערציילונגען.

דאס לייענען איז שוין געגאנגען לייכטער און אלץ, וואס שטייט, אזוי נאנט און אייגן — אלע ווערטער ווי פון מויל ארויס; אזוי שכלדיק, אזוי טיף און אזוי גרינג — עפעס אזוי ווי כ׳וואלט געשטאנען פאר א שפיגל — ס׳איז דאך די ישיבה אין אמסטעוו . . . ווי כ׳בין א ייד!...

―――  ―――  ―――  ―――

פארנאכט האבן מיר געהאט א גאסט. שליאמעק איז געקומען אויף זיין ערשטן באזוך. ער האט געהערט פון זיין קאלעגע דאווידסאן אזוינס און אזעל־כעס . . . די מאמע האט אים אויפגענומען ווי אמאל אין טשעלאדזש מיט „ארע־מע ריטער“. ער האט זיך דערמאנט ווי דער פריזיר האט אים געלאזט זיצן מיט א האלב אפגעגאלטער גאמבע ווען ער האט אים געהערט רעדן יידיש: „אזוי, איר זענט א ייד, טאר איך דאך אייך נישט גאלן!“ ער האט זיך גארנישט געקענט איינהאלטן פון לאכן.

„פעטער בערישל, און אים וועסטו טאקע לאזן בלייבן אזא „טערעק“, מיט דער קאפאטע און צעפלאשעטע פייקעס? ס׳איז דאך טשענסטאכאוו!“

דער טאטע האט מיך מאדנע אנגעקוקט: „כ׳האב מורא וואס כ׳האב מורא, אז כ׳וועל פון אים מער צרות האבן ווי דיין טאטע פון דיר“.

ער איז טרויעריק געווארן, זיין גלאצע־קאפ האט זיך גענומען תלמיד־חכמדיק קנייטשן: „פעטער בערישל. פארוואס קומט עס מיר?“

אין דער שטוב איז שטיל געווארן, ווי דער טויט וואלט ארומגעשוועבט, ווי ער וואלט זיך געשאקלט אויפן האקן פונם באלטן.

מ׳האט געזעען, אז דער טאטע זוכט איבערצורייסן די שווערע שטילקייט: „פארשטייסט, יעדער האט זיין נסיון . . . אן דעם איז מען גאר קיין מענטש נישט . . . מ׳מוז זיך מענטשען . . . וואס מיינסטו איז דען א מלחמה? גלאט אזוי מענטשן נעמען און שיסן איינס ס׳אנדערע? וואס שלעכטער א צייט איז, אנטפלעקן זיך בעסערע כחות! נישט נאר אז מען ווערט בעסער פון יסורים,

נאר דאס העלפן קענען א צווייטן אין זיינע יסורים, איז דער נסיון . . . פארגעסן א רגע זיך און געדענקן מערער אין אנדערן... הערסט דער חסד־לאברהם...״

די שטילקייט איז ווי נאך שטילער געווארן, נישט דער טאטע האט גערעדט, נאר עפעס א טיפע פארטראכטקייט, האט געשוועבט שטיל איבער דער שטוב.

דורכן טאטנס רייד האב איך ערשט פארשטאנען וואס דוד ריכטער האט פריער געזאגט. און דורך דודן האב איך טיפער באנומען דעם טאטנס ווערטער — עפעס איז עס היינו הך! „דער טאטע . . . די לאפאטע . . .״ עס האט געזונגען ווי צו שלוש־סעודות״ . . . פול מיט טרויער, מיט פרייד, מיט סוד . . .

דער טאטע האט אויפגעהויבן דעם קאפ מיט א שמייכל: „מיר זיצן און דער מאמעס כבוד ווערט קאלט״. ער האט גענומען אן „ארעמען ריטער״ און אים געהאלטן איינגעשטאכן אויפן גאפל און בשעת מיר האבן זיך געלאזן וואוילגיין, האט ער אנגעהויבן טרויעריק־פריילעך, לאכנדיק איבער זיך אליין; אן אנצוהערעניש, א משל, כדי בעסער צו פארשטיין וואס ער האט פריער געזאגט? עפעס ווי אן איינפאל, אן הלצלה, און ווי צו זיך:

„מיר האבן געהאט א גרויסן גאון, דער „ש״ך האט ער געהייסן, אזוי דער ציילט מען, האט ער ליב געהאט, ווען ר׳איז געווען א ייִנגער מאן און געגעסן קעסט ביי רייכן שווער, זיך שפילן מיט די פינגער אין א שיסעלע גאלדשטיקלעך בשעתן לערנען. ס׳האט אים געגעבן רחבת הדעת . . . דער שארפער מוח האט זיך בארואיקט פליענדיק . . .

נישט איינמאל אין טשעלאדזש, אין די גוטע צייטן, האב איך געמוזט ביישטיין דעם נסיון עס נישט צו וועלן נאכמאכן — א יונגערמאן, א גבירישער איידעם . . . מה יעשה הבן שלא יחטא! כ׳מיין, חלילה, נישט דעם גרויסן ש״ך . . . כ׳מיין דאס נאכמאכן . . .

„פארשטייסט, אל תביאנו לידי נסיון״, האט ער מיך אנגעקוקט: „מיינט, מסתם, נאכמאכן! נאכטון איז עבודה זרה . . . ווארום חשק תשוקה, אפילו תאווה, איז גאר עפעס אנהערש . . . ווי נידריק זי זאל נישט זיין, קאן זי דערהויבן ווערן צו אייגענער מדריגה . . . און דווקא היינט, אויפשטעלנדיק די קופקעלעך געלט, — די קופערנע צענערס, די פייעמס! — האב איך דערפילט ווי דער מענטש מוז זיך ראנגלען . . . מיט דער קלענסטער קלייניקייט מוז מען זיך ראנגלען דווקא מיט די קלייניקייטן . . . וואס איז דען עבודה־זרה? א קופקעלע גראשנס . . .״ עס האט זיך עפעס ווי איבערגעריסן — — —

אין דער שטוב איז געווען נאך שטילער. ווען דער טאטע האט אנגעהויבן פאמעלעך צו עסן דעם ארעמען ריטער, איז דער ביסן מיר געבליבן שטעקן אין האלז.

נאך קיין גאנצע אכצן יאר בין איך דעמאלט אלט געווען. אין ערשטן יאר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אנגעהויבן שוין צו באנעמען וואס מיינע ראנגלענישן מיט זיך, וואס עס מיינט מלחמת החיים.

די יארן 1914־1915, מיין אכצנט לעבנס־יאר איז פאר מיר נישט נאר געווען א שפרונג אין לידיקן, אין כאאס, אין תוהו ובוהו — עס האט זיך אנגעהויבן צו באשאפן פאר מיר און אין מיר א שפאגל־נייע וועלט. א פרישערע, אן עכטערע — מיין וועלט! זי האט זיך ערשט געשאפן, זי האט זיך געראנגלט.

משה דאמב

## פאריזער יידישע ביכער און שרייבער

ס׳איז דא א גמרא: הזהרו בבני עניים, שמהן תצא תורה. דאס פארמלחמהדיגע יידישע פאריז, האט שרעקליך געליטן פון די דייטשע רוצחים, דאס יידישע קולטורעלע לעבן איז פולשטענדיק פארניכטעט געווארן, שרייבער און אינטעלעקטואלן, זענען פארשיקט געווארן צו די פארניכטונגס־לאגערן, נאכן קריג זענען זיי קריק געקומען קיין פאריז, ערגידריקטע, באליידיקטע, פאראימטע, צוזאמען מיטן שארית הפליטה, זיי האבן ניט געזוכט קיין אנדרע לענדער, אדער רחבותדיגע וועגן ווו ווייטער צו וואנדערן נע־ונד, זיי זענען געבליבן אין פאריז און אויפגעוועקט דעם פעניקס פון די אשעס, אט די ארימע זון פון א פאראימט פאלק, האבן געשאפן דעם גרעסטן יידישן קולטור־צענטער איצט אין אייראפע, פון וועלכן די יידישע רעדנדיקע איבער די גאנצע וועלט קאנען זיין שטאלץ.

דאגעגן דאס ריזיקע גלייכגילטיקע לאנדאן! פארדאס איז דאס יידישע פאריז א גרויסע פרייד און טרייסט.

כ׳האב דערהאלאן לעצטנס צוויי אינטערעסאנטע ביכער פון פאריז, לייוויק זאמלבוך, צוזאמענגעשטעלט און רעדאגירט דורך דעם באקאנטן שרייבער, וואלדמאן. דאס צווייטע בוך איז: מיט יידישע קינסטלער, פון בעקאנטן יידישן מאלער און שרייבער און עסייאיסט, בארוין פרענקעל.

אין דעם לייוויק זאמלבוך, צייכענען זיך אויס מיט וואגיקייט, סענטענץ, עספרי, דער בעקאנטער שרייבער ל. דאמאנקיעוויטש, דעם קריטיקער בארוין פרענקעלען איז שטענדיק א נחת צו לעזן, ער האט א רייכן גייסטישן ארסענאל, א שאד אזא קורץ ארטיקעלע וועגן אזא גרויסן פאעט. מלך ראוויטש איז בארימט מיט זיינע סקעטשן און בילדער איבער יידישע שרייבער, פארוואסזשע טאקע אזא קורצע אפהאנדלונג וועגן אזא גרויסן פאעט?

סע באטייליקן זיך אין דעם זאמלבוך: מ. מאן, ל. לענעמאן, מ. שפערבער, ב. שלעווין, יעקב גלאטשטיין א. גלאנץ־לעילעס אונדזער ליבער י. לעפעטעוויטש איז שטארק באיינפלוסט פון אזעלכע גאונים ווי: פראנציס בייקאן, אנגלא־זאקסישע ליטעראטור, וועלכע האט אסך ראציא עט מונדי, לעפעטעוויטש איז שטארק באיינפלוסט פון אזעלכע גאונים ווי: פראנציס בייקאן, עמערסן, טאמאס קארלייל, דאס איז אסך, לעפעטוויטש איז א גלענצעטער אמבאסאדאר פון דער יידישער ליטעראטור. דעם באקאנטן שרייבער מ. וואלדמאן קומט א יישר כח פאר די מי צוזאמענצושטעלן אזא טייער בוך.

בארוין פרענקעלס בוך: „מיט יידישע קינסטלער״ צייכנט זיך אויס מיט עסטעטיק, אסך קינסטלעריש וויסן, ביאגראפישע פינקטלעכקייט און איינצעלהייטן, וועגן בארוין פרענקעלען איז דער אסך צו שרייבן און צו זאגן, ער איז א גלענצעטער עסייאיסט, קריטיקער, בארוין פרענקעל האט נאך זער פיל צו זאגן און צו שרייבן וועגן אונדזער מאדערנער ליטעראטור און קינסטלער, פארדאס איז מיר שווער אין די קורצע שורות צו שרייבן וועגן אזא שרייבער וואס כ׳האב זער ליב. זאל מיר דא ערלויבט זיין אויסצודרוקן מיין הארציקסטן יישר כח צו די אלע וואס העלפן ארויסצוגעבן אזעלכע פיינע און אינטערסאנטע ביכער. בראווא יידיש פאריז. זאל צום שלוס אויסגעדריקט ווערן טיפער מיטלייד איבער טויט פון פאריזער יידישן שרייבער, חבר הערש פענסטער, ע.ה.

# לאנדאנער קולטור ידיעות

ביי די שבת נאכמיטאגס איז געפייערט גע־וואָרן דאס 400 געבוירן יאָר פון וויליאם שעקספּיר דער רעדנער איז געווען ש. י. הארענדארף; רעציטיר שעקספּיר סאנעטן — לעדי ראז הענריקעס; נעט רובין געליינט צענעס פון שיילאָק.

מאיר צעלניקער אין לעצטנס אייניקע מאל אויפגעטרעטן אין־טעלעוויזיע אין דראמעס וואס באהאנדלען יידיש לעבן אין ענגלאנד.

דאס יידישע טעאטער פון פוילן קומט אויף א גאסטראָלן־טור פון אייניקע וואָך. פריינט פון יידיש און פון יידישער קולטור פרייען זיך מקבל פנים צו זיין די געסט און זען זייערע נייע אויפפירונגען.

דער וואָרט־קאנצער „צו זינגען און צו לאכן" אין קווין האָל פון סעם געלדבערג און עלען ווינאגראד איז א דורך מיט גרויס דערפאלג.

מיכאל זילבערבערג, דער יו״א־סעקרעטאר אויף א נסיעה אין ניו־יארק, איז לויט א ידי־עה, דארט נישט געזונט געוואָרן און געפינט אין א שפּיטאל. מיר שיקן אים א רפואה שלימה.

אין די לעצטע לעבעדיקע צייטונג איינגע־אָרדנט פון שרייבערפעראיין און יידישן וועלט־קאנגרעס האבן זיך באטייליקט ש. י. הארענדארף, ש. גאלדשמידט, יואל צאנג. פארזיץ יוסף פרענקל.

ביי אויפדעקן דאס טרעמבלינקע־דענקמאל זיינען פון ענגלאנד געווען פארטרעטן פון „באָרד אף דעפּ־טיס" סער בארנעט זשאנער, עלעק וואָרטערמאן און אייב קאהען פון ארבעטער־רינג.

לייבל ביילין א הארציקן מזל־טוב צום ערשטן אוראייניקל.

עלי זילבערג איז צוריקגעקומען פון איר נסיעה אין דרום־אפריקא און ישראל, און געליינט ישראל לידער.

ביי דער פייערונג פון יום העצמאות ביי די שבת נאכמיטאגס האבן אייזיק גאלדבערג און מ. בערשטיין דערציילט פון זייערע ישראל־איינדריקן.

דעם 10׳סטן מאי איז געשטעלט געוואָרן די מצבה אויף שלמה אויערבאך׳ס קבר רעוו. לאנדאן האט געהערט איבערן נפטר.

משה בעקערמאן איז געפארן אויף א נסי־עה קיין אמעריקע. ביים צאתכם־לשלום־שבת־נאכמיטאג האבן נעט רובין און י. ביעטש געליינט בעקערמאנס דערציילונגען.

ביי דער דערעפענונג פון דער אויסשטע־לונג פון מאקסא נארדאו אין בן־אורי האבן גערעדט אלעקסאנדער מרגליות, י. הלוי און קעסלער.

בערל ראזנער, דער פארזיצער פונם בונד איז אלט געוואָרן 75 יאָר. מיר ווינטשן אים א סך גוטע יארן און כוחות אנצוגיין מיט זיין ארבעט.

ביים גלעזל־טיי לכבוד דעם 73 יארגאנג פון דער „פריייער־ארבעטער שטימע" האט געפירט דעם פארזיץ ל. ביילי.

ביים הספד נאך הרב יהושע שפּעטמאן אין דער באָרדיטשעווער שול האבן זיך פאר־זאמלט א גרויסן עולם. די מספידים זיינען געווען דיין לעוו און הרב פישער. די הזכרה האט געמאכט רעוו. חזן פרידמאן.

ביי דער הזכרה אין ווייטשעפּל ס׳האבן זיך באטייליקט לאנדאנער אינסטיטוציעס האט געמאכט די הזכרה רעוו. חזן האס; ביי דער הזכרה פון דער וויד — רעוו. חזן סמוס; דעם 10׳טן אפּריל אין אדלער האָל איינגע־אָרדנט פון „פריינט פון יידיש לשון", „רי־דינג־רום" און בונד — לעאן בלומענזאן. ביי דער הזכרה אין ארבעטער ריזק האט גע־פירט דעם פארזיץ, דער פארזיצער פון א ארבעטער־רינג: אברהם האלאנד.

---

טיפן מיטלייד צו אונזער מיטארבעטער **משה בעקערמאן** צום פלוצלינ־קען טויט פון זיין פרוי **מאטילדע** ע.ה. „לשון און לעבן"

ביים מצבה פון מיין טייערן פריינט **שלמה אויערבאך** — מיין טיפע ערינערונג אין אים **גוסטע געפנער**

אונזער טיפן מיטגעפיל צו דער פרוי און פאמיליע פון **לייזער פאווערמאן** ע.ה. **סעם גאלדבערג. עלען ווינאגראד**

---

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנארד בארא זעטלמענט שבת — 3 אזייגער שבת, דעם 30׳סטן מאי — 10׳טע יארצייט פון פראפ. בראדעצקי.

---


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6־7 (העפט 390־1) פינף און צוואנציקסטן יאָר יוני־יולי 1964 לאָנדאָן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה א ל ט :


כ׳ און כ״א תמוז תשכ״ד (60׳טער יארצייט פון דר. הערצל און 30׳סטער פון ח. נ. ביאליק) ..... ** 1
דר. טעאָדאָר הערצל (פאטא) ..... 3
פון די טאָג ביכער ..... דר. טעאָדאָר הערצל 3
הערצל (ליד) ..... יוסף לעפּטוויטש 4
טעאָדאָר הערצל און קאלאָנעל גאלדסמיד ..... יוסף פרענקל 4
פרימארגן אויפן כרמל (ליד) ..... עלי זילבערג 8
ירושלים עיר הקודש ..... יודל גאלדבערג 8
יוני־געבעט (ליד) ..... מ. ה. ליכטשטיין 12
יאָסעלע (דערציילונג) ..... משה בעקערמאן 13
מיין ערשט ליד (פראזא) ליד, זשאבע באלאדע, לעצטער שטריך (לידער) א. נ. שטענצל 15
ירחמיאל בריקס (דער מענטש און שרייבער) ..... עלען ווינאגראד 31
לכבוד דעם טעאטער אין פוילן ..... ש. 33
אידא קאמינסקא (פאטא) ..... 34
לאָנדאָנער קולטור־ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס


## רעדאקציע - נאטיץ

מיר בעטן אונזערע פריינט, וואס גיכער צוצושיקן די לשונה־טובות פארן ראש־השנה־נומער, בכדי דער יום־טוב־זשורנאל, זאל קענען זיין מיט א צוויי צענדליק זייטן מערער—ד.ר.

---


פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*